STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00647

ZUNENGANG

Hirsh Osherowitch

Permanent preservation of this book was made possible by
Claire S. Marwick
in memory of
Lawrence Marwick

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש אָשעראָוויטש

זונענגאַנג

לידער און פּאָעמעס

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע • 1969

הירש אָשעראָוויטש

דער באַוווּסטער ייִדישער דיכטער הירש אָשעראָוויטש איז געבאָרן דעם 25 יוני 1908 אין פּאָנעוועזש (ליטע).

שרײַבן לידער האָט אָשעראָוויטש גענומען זייער פרי. נאָר פאַרעפנטלעכן זיי — בלויז אין יאָר 1934. זינט דאַן אָבער ווערן זײַנע לידער געדרוקט סיסטעמאַטיש אין דער פּעריאָדישער פּרעסע און אין ליטעראַרישע אַלמאַנאַכן און זשורנאַלן.

קיין ייִדישער פאַרלאַג־וועזן איז אין דער בורזשואַזער ליטע ניט געווען. דעריבער ווערט זײַן ערשטער לידער־בוך „באַגינען" צוגעגרייט צום דרוק ערשט אין דער סאָוועטישער צײַט. אָבער צוליבן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז די דאָזיקע זאַמלונג צום לייענער שוין ניט דערגאַנגען. אין 1940 איז אָשעראָוויטש פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער צײַטונג „דער עמעס" (אין קאָוונע) און גלײַכצײַטיק אויך וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פונעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייִוואָ") בײַ דער ליטווישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין ווילנע. זינט דעם יאָר 1940 איז אָשעראָוויטש מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַריין פון פּססר.

נאָך דער מלחמה לעבט הירש אָשעראָוויטש אין ווילנע, ווו ער פאַרנעמט זיך מיט שעפערישער אַרבעט.

אין יאָר 1947 דערשײַנט אין מאָסקווע אין פאַרלאַג „דער עמעס" אָשעראָוויטשעס בוך פּאָעמעס און באַלאַדעס „פון קלעם אַרויס".

אין יאָר 1962 גייט אַרויס אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" זײַנער אַ לידער־בוך אין דער רוסישער איבערזעצונג „מײַן גוטער קליאָן". אין יאָר 1964 פאַרעפנטלעכט דער ליטווישער מעלוכע־פאַרלאַג אָשעראָוויטשעס אַ בוך לידער און פּאָעמעס אין דער ליטווישער איבערזעצונג „דער האָניק פון דערקענטעניש" און אין יאָר 1968 — אַ בוך לידער און פּאָעמעס אין דער ליטווישער איבערזעצונג „די הייליקע טאָגטעגלעכקײַט".

הירש אָשעראָוויטש איז שעפעריש טעטיק אין פֿאַרשיידענע דיכטונג־פֿאָרמען — לידער, מיניִאַטיורן און ברייטליַיִוונטיקע פּאָעמעס. שוין העכער צען יאָר, ווי ער ארבעט איבער א גרויסן ציקל פּאָעמעס אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „אזוי איז געגאַנגען דער מענטש“.

הירש אָשעראָוויטש איז א רעדקאָלעגיע־מיטגליד פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

ווי ווערט עס ניט מיד די זון טאָמיד גיין דעם זעלבן וועג,
אומעטום באַגעגענענדיק פינצטערניש און קעלטן?
קענטיק, ס׳איז א גרויסע פרייד דאָס באַשאפן העלע טעג
און דאָס אָנוואַרעמען וועלטן...

ריווקען

לידער

קנאָספּן און שטערן

דיכטער

שרײַבן ליַיכט איז זייער שווער.
שרײַבן שווער — געווים ניט גרינגער.
צו באַשרײַבן עכט איין טרער
דאַרף מען אויסשעפּן אַ טינטער.

שעפּט מען און מע שעפּט און שעפּט.

. . . .

אָפּגעלעבט, ניט אויסגעשעפּט...

צײַט

אזויפיל מאָל געזאָגט: „עס איז נאָך צײַט, איך וועל באַוויַיזן",
נאָך מערער מאָל געשריִען: „כ'אײַל זיך, ס'איז ניטאָ קיין צײַט!"
געוווּסט האָב איך, זי לערנט מיך, זי העלפט פאַריכטן גרײַזן,
געוווּסט, זי ענדערט אַנדערע, אויך זי אַליין זיך בײַט.
דאָך ווער אָבער איז זי אַזאַ, די צײַט?

. . . .

געפּרוּווט כ'האָב מיטן אויג, געפּרוּווט מיטן געהער,
מיט אַלע מײַנע קושיות, ווי מיט נעצן אומגעגאַנגען.
געוואָרן זײַנען זיי באַלאָדן — פול און שווער,
נאָר דאָס געגאַרטע פישעלע ז'געבליבן ניט געפאַנגען,
דאָס פישעלע דאָס גאָלדענע — די צײַט...
איז מילע, זאָל שוין זײַן, ס'איז פאַנגען ניט באַשערט
(דאָס לעבן גייט זײַן גאַנג, אויך ווען ס'איז ניט פאַרשטענדלעך);
נאָר אָט גאָר מיטאַמאָל: דאָס גלײַכע ווערט פאַרקערט —
אי גלײַך און אי פאַרקערט, ווי אַלץ, וואָס איז אומענדלעך;
און ס'איז מער ניט די צײַט א פישעלע פון גאָלד,
זי איז שוין גאָר דער ים. און אינעם ים טוט שווימען
א פלאָטקעלע א פּראָסטס, מיט פלאַם־פאַרב ניט באַמאָלט,
פון פישעלע פון גאָלדענעם — קיין סימען...
און ווידער קלינגט מײַן שטים, וואָס זאָגט: „איך האָב נאָך צײַט",
און ווידער הילכט מײַן שטים, וואָס שרײַט: „איך האָב קיין צײַט ניט!"

אזוי־אָ אומפארשעמט די קעגנזאצן כ'בײַט,
און בײַט זיי, ווייסנדיק, אז כ'ווייס זייער באטײַט ניט.
פאראנען איז א יאם, א פישעלע פון גאָלד, —
עס מישן זיך צונויף דאָס לעשן זיך און ס'גליִען.
ווי יעדערן, וואָס לעבט, האָט אויך זיך מיר פארוואָלט
פון גרויסן פארבלאָזן דאָס קליינע פארביקע ארויסצוציִען...
צי איז עס מענטשלעך קליין, צי איז עס מענטשלעך גרויס,
צי ביידעס גאָר, ווי ס'טרעפט בא אונדזערע פארלאנגען?
פון טיפן יאמען־גרוי א גאָלדפיש כ'צי ארויס —
אין אומענד פון דער צײַט א שאפונג־שאָ געפאנגען...

די שפּיל פון אלע שפּילן

לאָמיר זיך שפּילן אין ווירקלעכקייט —
די שווערסטע און ערלעכסטע שפּיל:

געזוכט און געפונען;
געפונען, פארלאָרן,
און ווידער געזוכט.
געלאָשן דעם גומען,
געזעטיקט געוואָרן,
און נאָך ניט פארזוכט...

לאָמיר זיך שפּילן אין ווירקלעכקייט —
די איינציקע ווירדיקע שפּיל:

א ראָזער פרימאָרגן,
א בלוילעכער אָוונט —
און אוים איז דער טאָג.
א טאָרבע מיט זאָרגן,
א מעסטעלע האָפן,
און ס'צאפּלט די וואָג...

לאָמיר זיך שפּילן אין ווירקלעכקייט,
געדענקען, אז עס איז א שפּיל:

זיך האלטן אָן קלאָלים
און פרײַע פארבלײַבן,
צו זיך און צו יענעם געווענדט.
דעם פינצטערן כאָלעם
אף שטויבן צערײַבן,
און בלײַבן מיט זויבערע הענט.

לאָמיר זיך שפּילן אין ווירקלעכקײַט,
פארגעסן, אז עס איז א שפּיל!..

◆ ◆ ◆

געמיינט האָב איך, עס ליגט א שטיין,
און עס איז גאָר א טויטע שוואלב!
פארוואָס איז אזוי ווייטעקדיק
אויף א ניט־ארנדיקער טאָעס?

ווער נעמען דארף אף זיך די שולד —
דער הארטער שטיין, וואָס מאָרדן וויל?
די שוואכע שוואלב, וואָס האלט ניט אויס?
מײַן מענטשלעכע ניט־שליימעסדיקע רױע?

עס ליגט א שוואלב אינמיטן וועג.
עס ליגט א שטיין אינמיטן הארץ...

טראַנס

געוויס!
פאַראַן איז אַזאַ שאָ, ווען אַלצדינג איז דיר גלײַך,
ווען ס'האָט קיין שליטע ניט אױף דיר
ניט פרייד, ניט אומעט,
ווען, ווי דער ברעג צום שטראָמענדיקן טײַך,
צו דיר אַ שײַכעס דער אָרום האָט.

ביסט דאַן אין גאַנג,
און איבעריק, און פרעמד איז דיר
מיט עפּעס־וואָס זיך צו באַהעפטן;
באַמערקסט גאָר ניט די אַזוי לאַנג געגאַרטע באַנק,
וואָס שטייט, דעם גייער אומצוקערן זײַנע קרעפטן.

דו גייסט.
ניטאָ איז דעמלט אױף דער גאַנצער וועלט קיין זאַך,
וואָס זאָל בעקוועך זײַן דיך צו פאַרהאַלטן און צו איבעראַשן;
מיט ווײַטסטע שטערן רעדסט — אַן אייגענער — אױף זייער שפּראַך,
די אייביקײַט, דוכט, נעמט פון דיר שוין סוידעס נאַשן...

אָ, ליכטיק שעפּעלע...

אָ, ליכטיק שעפּעלע, איך קוק אַף דיר און טראַכט:
ווי קומט עס צו א וואָלף אזאַ־אָ העלער כאַלעם,
אז גאַנצע טעג ער טרוימט פֿון דיר,
אז גאַנצע נעכט אים ציט צו דיר,
אז גייסט אים ניט אַרויס פֿון זינען?

מײַן ליכטיק שעפּעלע,
כ'וועל ניט דערלאָזן,
ס'זאָל דער וואָלף פאַרבלוטיקן זײַן כאַלעם!..

האָוועניש

ניט צופרידן כ׳בין מיט מײַן צופרידנקײַט,
כ׳בין צופרידן מיט מײַן ניט־צופרידנקײַט.
דריי איך זיך, פונקט ווי דאָס הינטל,
וואָס ט׳אַרײַנגעכאַפּט זײַן עק אין פּיסק.

אין מײַן אומרויִקײַט דער צעזאָטענער,
אין מײַן רו, אַף שטויב צעשאָטענער,
באַלעבאַטעוועט דער גאַזלען קעגנזאַץ,
וואָס מיט פרייד יעטווידע פרייד פאַרוויסט...

דריי איך אום זיך, ווי דאָס הינטל דאָס באַנומענע,
יאָג מיטן אוועקגעגאַנגענעם דאָס אָנגעקומענע,
טרייסט זיך מיט דער שפּיל
פון פאַנגען זיך אַליין;

און מײַן לעפּיש הינטיש יאָגעניש,
און זײַן טרײַב־פּעדער —
דאָס מענטשלעכע פאַרבענקטע נאָגעניש —
וועלן שוין, אַפּאָנעם, קיינמאָל,
קיינמאָל ניט פאַרגיין...

שטערן

אויב די שטערן זייַנען קנאָספּן,
ווי וועט אויסזען דאָס געבלי?
וויפל שטערנפאל דאַרף קאָסטן
איין פארגרויטער אינדערפרי?

אפן גאנצן גרויסן הימל —
א געדיכטער קסאַוור־געווימל.
ס'איז קיין פיצל אָרט פארבליבן,
וואָס ניט זייַן זאָל פול באשריבן — — — —

און קיין ענטפער איז ניטאָ!

◆ ◆ ◆

אין מײַן קינדהײַט פֿלעג איך היטן —
וועלן אופֿכאַפּן די ווײַלע —
י ע נ ע רעגע, ווען כ׳שלאָף אײַן.
איצטער האָב איך עס געמיטן;
איצטער מאַטערט מיך די שײַלע,
ווי קומט מענטש אין האַרץ אַרײַן?

אָקאָרשט נאָך ביסט מיר אַ פֿרעמדער,
ס׳פֿאַלט מיר גאָר ניט אײַן צו קלערן,
כ׳זאָל אַמאָל דיך וועלן זען.
באַלד — צו דיר שוין אַ געוועגדטער —
כ׳וואַרט... און ס׳בענקט זיך מיר ביז טרערן...
ווען און ווי איז דאָס געשען?

איז עס עמעס?

איז עס עמעס, אַז דער עמעס
וואַקסט, ווי אַלץ, וואָס דאַרף זיך מערן:
אײַנגעקלעמט אין האַרטע שאָלן
שטעקט דער זיסער ווייכער קערן,
און ער ליגט, דערוואַרט די פֿלאַץ־שאָ,
ווען זײַן טפּיסע וועט זיך שפּאַלטן,
ער זאָל, ווי אַ רײַפֿע פּירע
אינעם זאַמל־קויש אַ פֿאַל טאָן?

איז עס עמעס, אַז דער עמעס
איז אַן אויסנאַמיקער קערן,
און ווי שטאַרק ער זאָל ניט רײַף זײַן,
דאַרף ער אַלץ נאָך רײַפֿער ווערן,
דאַרף ער שטענדיק ראַק באַווײַזן:
ער איז מער, ווי ער געווען איז?..
איז עס עמעס, אַז דער עמעס
זוכט אַלץ גרינטלעכערן עמעס?..

„יאָמטעוו"

זיצט אַן אַלט פּאָרפּאָלק און וואַרעמט זיך די ביינער קעגן זון.
רופט זיך אָן די אַלטע צו דעם אַלטן:
„יאָמטעוו".
שאָקלט צו דער אַלטער צו זײַן אַלטער:
„יאָ, הײַנט יאָמטעוו"...
קומט אַ ווינטעלע, נעמט זיי אַרום
און אַנטלויפט: „ס'איז גרוי, ס'איז וואָכיק".
שפּילט אַ שטראַל זיך אין דעם אַלטנס באָרד,
וואָס איז פון זיקנע שוין געוואָרן מאָכיק,
קריכט אַרײַן אין טיפע קאַרבן פון זײַן פּאָנעם און פאַרשווינדט...
הערט די אַלטיטשקע, אַ פויגל זינגט;
גיט דעם אַלטן זי אַ צי:
„הער צו!"
הייבט דער אַלטער אויף די הענט,
לאָזט צוריק אַראָפּ זיי, אָנגעגאָסענע מיט שווערער רו,
און האָרכט.
איבערביידן טראָגט זיך דורך אַ שטאָרך,
און די ווײַסע האָר דער אַלטערס ווערן שוואַרץ אַ ווײַלע,
און באַלד ווידער — זילבער אין דער זון צעשפּילט...
זיצט די אַלטיטשקע —
אַ קרומער שאָטן פון איר יוגנט, וועלכע איז שוין לאַנג אַוועק

(מיטגעשלעפּט מיט זיך איר שיינקייט האָבן שיינע טעג).
ס'איז איר שווער דאָס זיצן,
שפּארט זי אָן איר קאָפּ אין אקסל פונעם אלטן;
און דער אלטער קאָן זיך אויך שוין מער ניט האלטן,
שפּארט ער אָן זיך אינעם שטעקן,
וועלכער בויערט זיך אריין אין דר'ערד.
זיצט מען ביידע, ווי פארגליווערט, און מע קלערט;
אויגן זעען ווייטע טעג,
גרוי־געוואָרענע פון לאנגן וועג;
הערצער טוען זיך אין שווערסטער בענקשאפט אָנטאָן;
און די ליפּן מורמלען: „יאָמטעוו!"... „יאָמטעוו!"...

שאַפֿונג

כ'טעסע דאָס וואָרט, ווי אַ שטיין,
און פֿורעם עס, גלײַך ס'וואָלט זײַן ליים.
דאַרף מען פֿאַריכטן עס, ווייס איך ניט ווי:
האַקן, צי קנעטן?

לייג איך אין פֿורעם עס, איז עס צו האַרט,
פּרוּוו איך עס האַמערן, איז עס צו צאַרט.
אויסריידן אַלץ, וואָס מע שטייט אויס פֿון וואָרט,
פֿעלן אויס ווערטער...

ווערטער

ווערטער זײַנען שטיקער האַרץ,
פּיצעלעך נעשאָמע.
ווערטער זײַנען שפּליטערס אַרץ,
פּענעצלעך לעוואָנע...

קיינמאָל ניט דאָס וואָרט געזען,
ניט אין האַנט געהאַלטן,
און איך פּיל זײַן הייסן ברען
און זײַן ברי דעם קאַלטן...

◆ ◆ ◆

ווערטער זײַנען פּונקט ווי מענטשן:
עכטע, פֿאַלשע, מילדע, שטרענגע.

וואָרט קאָן ווײי טאָן, וואָרט קאָן בענטשן,
ס׳קאָן פֿאַראַכטן, טראַכטן, בענקען.

ווייס, מײַן צונג, וואָס אויסצוקלײַבן,
מאַך, אַ טײל פֿאַרשטומט זאָל בלײַבן!

קנאָספּן

און ווידער הייבט זיך אָן אַלץ פֿונדאָסנײַ!
ניין, ניט אַפּסנײַ —
עס הייבט זיך אָן צום ערשטן מאָל.
ווײַל ווער עס ווייסט, אַז ס'איז פֿונסנײַ,
דער האָט דאָך שוין געזען אַמאָל אויך ענד,
איז ער שוין אַלט
און ניט קיין מיוון מער אַף קנאָספּן...

דער בלינדער

יעדן מאָרגן הייבט דער בלינדער אוף זיך פון געלעגער
און ער זאָגט צו זיך אליין:
„עס איז שוין טאָג".
יעדן מאָרגן טאַפּט ער מיט די פינגער אָן דאָס ליכט,
נעמט זײַן שטעקן אין דער האַנט
און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם — טראָט נאָך טראָט
איבער טרעפּ און טראָטואַרן אומזיכער ער קריכט.
גאַסן שטייען אָנגעטרונקענע מיט זון,
שווּבן שפּיגלען אָפּ אַ גינגאָלדענעם פּלעק.
שלײַכט דער בלינדער, אַ פאַרגאָסענער מיט זון,
און דער שטעקן גייט פאָרויס און ווײַזט אים אָן דעם וועג.
גייט דער בלינדער אום אין גאַס און טראַכט: „אַ שיינער טאָג,
מיט איעדן גליד מע פילט: עס איז דער הימל ריין".
און ער הערט זיך צו צום שטעקנס אומרויִקן שלאָג
אַפן גלײַכגילטיקן טראָטואַר־געשטיין...
פּלוצעם שפּירט דער בלינדער, אַז אַ רעגן־טראָפּן פאַלט
אַף זײַן שטערן, אַף זײַן שטעקן, אַף זײַן האַנט;
שעמט ער זיך, לעמײַ ער ט'זיך גענאַרט,
און בלײַבט שטיין דעם רעגן איבערוואַרטן בײַ אַ וואַנט.
שטייט דער בלינדער בײַ דער וואַנט און וואַרט, און וואַרט;
און אַ רעגן טראַכט גאָר ניט צו גיין.

מערקט דער בלינדער: ער האָט ווידער זיך גענאַרט,
און ער לאָזט זיך גיין פאַרשעמטערהייט אַהיים.
„ווי א רעגן? — קלערט ער. — ס׳קומט גאָר אָן א שיינע נאַכט;
ס׳מוז דער הימל זײַן איצט אויסגעלײַטערט־ריין״.
און דער שטעקן גייט פאָרויס — א ווארע מאַכט,
און א רעגן נעמט שוין אַף אָן עמעס גיין...

אזא שאָ...

און מעג די זון פארגיין,
און מעג זי לאָזן מיך אליין
מיט אויגן גלאנציקע אנטקעגן א געפייגערטער לעוואָנע...

געווען איז קלאָרע שיין,
אזא־אָ טאָג פון גאָלד און ליין
וואָלט אויך א גאזלען ניט פארגעסן קאָנען...

אין אָוונטס בלויער הויב
עס בלינצלט אוף א שויב,
א פּאָנעם איך דערזע, כ'אנטפּלעק די זון אין פּאָנעם.

כ'אנטפּלעק, נאָר כ'וויים ניט ווער;
דאָס אויג זעט אומגעפער,
טאָ זאָל דאָס הארץ אנטשיידן און דערקאָנען.

דאָס הארץ איז אָבער קראנק —
א זוניקער געדאנק
האָט פון דער הייך פון קאָפּ אין הארץ אראָפּגענידערט.

עס איבערקרענקען מוז
דעם וווּנדערלעכן זכוס
צו זײַן א הארץ, ווען ס'איז דער קאָפּ א מידער...

האנטדרוק

מיר גיבן זיך די הענט,
מיר קוקן אָן איינער דעם צווייטן;
און עס פאַרשווינדט די טײַנע: „פרעמד״,
און ס׳פּלאַצן אומצוטרוים און סינעם קייטן.

ס׳געדויערט בלויז אַן אויגנבליק —
איין רעגעלע די הענט זײַנען צונויפגעפלאָכטן, —
און ס׳ליגט די אייגנליבע־שלאַנג דערשטיקט,
דער ווילדער איך־אָקס — אָפּגעשאָכטן...

דיאָגנעסן

שוין אזויפיל מאָל דו האָסט געזען די זון
און דאָס לעבן אלץ נאָך ניט דערקענט...
דיאָגנעס, מיינסט, דיין פרייהייט איז אין טון,
און דו ליגסט אין איר גאָר צווישן ענגסטע ווענט...

צייט שוין, דו פארלאָזן זאָלסט דיין קלעם:
זאָל אין פולן וווּקס דיינעם דיך זען די גאַס!
דיאָגנעס, נאריש איז צו מאכן זיך א שעם
דורך א נוצלאָז וואלגערן זיך אין א פאַס...

זאָל די טון צו אלדי שווארצע יאָר
קייקלען זיך אין וועלט אריין אָן דיר!
ס'איז דער דענקער מיט דער ענגשאָפט ניט קיין פּאָר;
אויב שוין יאָ א טון, איז זאָל זי זיין מיט ביר,

אויב די זון זען, איז ניט ליגנדיק אין פאַס,
נאָר שפּאצירנדיק איבער דער ברייטער וועלט!
דיאָגנעס, מעשוגאס בלייבט מעשוגאס,
דאן אויך, ווען זי עמעצן געפעלט...

איך בין אויך א גאָרנישט־דארפער, פּונקט ווי דו,
אויב דאָס דארפן די גערעכטיקייט פארלענדט.

ס'טרעפט, אויך מײַן נעשאָמע נייטיקט זיך אין רו
מער נאָך, ווי פארהאָרעוועטע פיס און הענט;

אין דער טון אָבער זיך לאָזן דורך דער וועלט —
הייסט: ניט זיך און ניט די וועלט פארשטיין...
דיִאָגענעס, ווער האָט דיר די זון פארשטעלט?
אלעקסאנדער מוקדען, מיינסטו? — דו אליין!

מאסקים: לאָמיר גיין, לויט דײַן באגער,
אינעם מיטן טאָג א מענטש זוכן מיט ליכט.
וואָס אָבער וועט זײַן דערפון דער מער,
אז דער מענטש, ווילסטו, זאָל האָבן דײַן געזיכט?

און דער מענטש, ער איז דאָך ניט א שנעק,
אז אף יעדן טראָט זאָל נאָכגיין אים זײַן הויז.
דיִאָגענעס, ווארף די טון אוועק!
אײַנגעקלעמטער דענקער, קריך ארויס!

א נאָמען...

ס׳איז אופגעשווומען הײַנט אין מײַן געדעכעניש א נאָמען,
און כ׳קאָן דעם מענטש זיך ניט דערמאָנען...
כ׳ווייס ניט, פונוואנען ס׳קומט אזא געדאנק,
נאָר עפּעם בין איך זיכער, אז ער איז ניטאָ שוין לאנג...
ווער?
ווער — ער?
כ׳געדענק דאָך אים ניט מער,
טאָ ווער זשע פעלט עס מיר? ווער פעלט?
ווער האָט זיך מיט זײַן שאָטן אייגענעם פארשטעלט?..

געבליבן פרײַ עס איז אין מײַן געדעכעניש א נאָמען.
אָ, גוואלד, ווען עמעצער צו אים זיך צובינדן זאָל קאָנען,
ניט זײַן זאָל מער אן אומבאוווסטער „ווער" פארלאָרן.

ניט זײַן קיין מערדער וואָלט מײַן שוואך־געוואָרענער זיקאָרן...

כאראָטע

שפּליטער פון מײַן לעבן — אומגערעכטע שאָ,
ביסט, ווי אפן ציפּערבלאט, אין ערגעץ מער ניטאָ!
ווי א שאָטן פון א וואָלקן אף א פעלד,
ביסט אריבער, זיך ניט אָפּגעשטעלט...

מיילע, וואָלסטו שפּורלאָז כאָטש פארבײַ —
וואָלט איך כאָטש פונעם געדענקען דיך געווען איצט פרײַ;
הענגסטו אָבער, אומדערבארעמדיקער גרײַז,
ווי א שווארצע לאטע אף א בעגעד, וואָס איז ווײַס.

איך זאָל זײַן אזוינס באגאנגען? כ׳קאָן זיך ניט פארשטיין!
וואָס מער כ׳טראכט דערפון, אלץ מער מיך מאטערט עס.
ווי זאָל איך צום יאָמטעוו פון דער צוקונפט גיין
אין א בעגעד, וואָס פארלאטעט איז?..

„אנטי־טראַגעדיע"

אויסגעריכט כ'האָב מײַנע גרײַזן,
בין געוואָרן איך פאַרלאַטעט,
און פאַרשוווּנדן איז מײַן גאַנצקייט
(מעג זײַן — די צעלעכערטע).

גיי איך מער ניט אום צעריסן,
דאָך איך פיל, אַז עפּעס פעלט מיר.
כ'בין אַן אָרעמאַן געוואָרן —
פרעמדע פליקער אױף מײַן איך...

גיי איך אויף אַ בעטלער־טאָרבע,
ווארף אַרויף איבערן אַקסל,
לאָז זיך גיין איבער די הײַזער:
„גוטע מענטשן, שענקט אַ גרײַז!"

שטויס איך אָן זיך ראַק אױף קאַרגע.
קלאַפּן צו זיי טיר און פענצטער:
„ס'איז ניטאָ דיר וואָס צו געבן.
גיי זיך, קאַפּצעניוק, דײַן וועג!"

שלעפּ איך אום זיך, שלעפּ איך אום זיך
מיט אַ שנאָרער־בליק אַ פּײַכטן,

און מײַן גרויע פּוסטע טאָרבע
ווערט אַלץ מערער אײַנגעדאַרט;

און אָט איז זי גאָר אויס בײַטל —
אויבעט זי איז שוין אַ לאַטע,
צוגעקלעפּט און צוגעשטאַנען
צו מײַן אויספאַריכטן איך.

ווו איך גיי, אַלץ מע באַקוקט מיך,
טײַט אַף מיר מיט לאַנגע פֿינגער,
און מע שאָקלט קעפּ, באַדויערט:
„נעבעך, נעבעך — אָן אַ גרײַז!"...

◆ ◆ ◆

קוקן פייגל אף די הענט אונדז און זיי טראכטן:
נאקעטע, ארומגעצופטע פליגל.
אויסגעקראַכענע, פאַרדאַרטע,
באַמבלען זיי זיך איבעריקע אינדערלופטן...

טרעפט אמאָל, מע כאַפּט א פויגל
און מע האַלט אין האַנט אים א פאַרפּרעסטן,
טראַכט ער דאָך געוויס: דאָס דריקט אזוי די קינע
פון פאַרביטערטע, ניט־פּולוערטיקע פליגל...

שוועסטער כוואַליע

אַ לעוואָנע־נאַכט

צווישן דעם צעקראָכענעם אַף שטיקער ווײַסל
הענגט דאָס געלכל גאַנץ און שטײַף.
און איך האָב ניט געזען דאָך גאָר קיין איי,
פֿונוואַנען איז עס אַלץ געקומען?

די בלויע שיסל אומגעקערט איז מיטן מויל אַראָפּ,
און דאָך אַלץ האַלט זיך, גאָרנישט פֿאַלט אַרויס —
דער צווייטער ווונדער, וואָס מיך פֿלעפּט,
איז מערקווירדיקער נאָך פֿון ערשטן.

אָ, זע: די שטיקער ווײַסל האָבן זיך צונויפֿגעשמעלצט,
זע־זע: דאָס גאַנצע ווידער איז אַף שטיקער זיך צעפֿאַלן,
נאָר בלויז דאָס געלכל איז, ווי פֿריִער, גאַנץ און שטײַף;
צי דען איז עס דאָס שטאַנדהאַפֿטיקע, וואָס אין לעבן?

און סוידעסדיקער ווערט דאָס גרויסע איי — די וועלט, —
וואָס כ׳האָב עס קיינמאָל, קיינמאָל ניט געזען אינגאנצן,
און וואָס אצינד, איך גלייב, זײַן אינגעווייד איך זע —
זײַן געלכל, וואָס איז שטײַף; זײַן ווײַסל, וואָס זיך ענדערט...

איך שטיי און קוק, און קוק... צערונען ווערט די נאכט,
א פלאקער שפּארט ארויס, ס׳ווערט ראָז די בלויע שיסל.
כ׳באטראכט אלץ פונדאָסנײַ, און איך דערזע שוין: ס׳הענגט
דאָס געלכל פון באנאכט — א שטיקל ווײַסע שאָלעכץ...

◆ ◆ ◆

איבער אָדערלעך פון קליאָן־בלאט
קריכט א קליינע גרינע מילב.
אונטן, איבער שטארע וואָרצלען,
שפאנט דער שווערער גערטנער אום.

שייַנט די זון, באמערקט ניטביידן...

פאנטאזיע

שפּרייַז איך איבער שטיינער פונעם ברוק
און איך טראַכט: איך טרעט אַף שטערן.
ס׳איז געווים געווען פון מיר ניט קלוג
קיינמאָל ניט ביז איצט אַזוינס צו קלערן...

איַי זיי שייַנען גאָר ניט, איַי זיי זייַנען גרוי?
סאַרא נאָפקעמינע — שטערן בלייַבן שטערן!
איז עס אומגעפּער נאָר, אָדער פּונקט אַזוי? —
איבעריק איז וועגן דעם זיך צו פאַרקלערן.

טרעט איך אַף די שטערן און זע קלאָר:
אויבן בלינצלען אָנגעגליטע שטיינער.
מישן דורך זיך פאַרשטעלונג מיט וואָר —
שטערן־שטיין מיט שטיין־שטערן — איינעם...

וווּ איז דאָ דער הימל, וווּ — די ערד?
ווער פון זיי איז וואָר, ווער — איבערקרימונג,
אויב ס׳איז מעגלעך, מע דערזען זאָל אַלץ פאַרקערט,
ווען עס צינדט די בלוטן אָן א שטימונג?

רייַס ארויס א שטערן איך פון ברוק,
וויל אים ווארפן אין די אויבנדיקע שטיינער.

טוט מײַן האנט מיט ווידערשפּעניקײַט א צוק:
ס'איז א זינד מיט שטערן צו פארשטיינען...

שפּרײַז איך ווײַטער איבער שטערן אף דער ערד,
טו אף שטיינער פונעם הימל זיך פארקוקן.
זייער מעגלעך, אז איך זע איצט אלץ פארקערט;
כ'טרעט אָבער דערפאר אףביידע ברוקן...

שוועסטער כוואַליע

שוועסטער כוואַליע, — צײַטווײַליק און אומרויִק, ווי איך, —
אַזאַ מוטיקע דו גייסט דײַן קורצן גאַנג,
פֿילנדיק די גרויסע אומענדלעכקייט הינטער זיך,
ברויזיק טראָגנדיק אין זיך דעם יאַמס פֿאַרלאַנג.

סאַראַ רוישיקייט אין אופֿגיין דײַנעם צו דער הייך,
אינעם פֿאַלן — סאַראַ פּלאַצן, סאַראַ שוים.
קוים איין פּיצעלע פֿאָרויס דו האָסט דערגרייכט,
שוין זיך אָנגעשטויסן אינעם גוירלס צוים...

שוועסטער כוואַליע, ביסט פֿאַרשוווּנדן, פּונקט ווי ניט געווען;
און אַ צווייטע זע איך קומען, אָנשטאָט דיר.
עמעץ קוקט אַף מיר; אַזוי ווי דיך, ער נעמט מיך זען,
עמעץ טראַכט געוויס, אַז צוועקלאָז איז מײַן פּיר...

שוועסטער כוואַליע, אין דײַן וואַסער, אין מײַן בלוט
שטעקט די גרויסקייט, וואָס אַ קליינִיקייט מע טוט.

באנאכט באַם שטורעמדיקן יאַם

די הויכע שווינדלענדיקע בערג, וואָס האָבן ניט קיין דויער,
זיי שוימען, ווי צעווילדעוועטע דאָרשטנדיקע אָגערס.
עס הודיעט א פאַרמעסטונג צווישן יאָמער און באדויער,
כאָטש ביידע זײַנען אינדערעמעסן ניטאָ גאָר.
ס'איז יעדער אומבײַט דאָ א וואָר געמישט מיט ליגן —
האַלוצינאַציע, געבוירענע בעשאַס סאַקאָנע.
באַלד נימעס ווערן וועט דעם ווינט די אָפּגרונטן צו וויגן,
און די צעווילדעוועטקײַט וועט א גלאַטע בלײַבן ליגן:
א סאַמעטן געלעגער פאַרן אוירינגל — לעוואָנע...

לעבן

איין מאָל געפונען און צוויי מאָל פארלאָרן,
און דאָס געפינס איז צונישט ניט געוואָרן.

ווער קאָן דען וויסן דעם גאנג פונעם צופאל?
ווער מעג אים טרײַבן און ווער טאָר אים רופן?

אלצדינג אין לעבן מיט עפּעס זיך קייטלט;
זוימען — נאָך פּיירעס, און פּיירעס — נאָך קוויטן.

ווער פון זיי ציל איז און ווער איז בלויז מיטל?
וווּ איז דער אָנהייב, דער סאָף און דער מיטן?..

איין מאָל געפונען און צען מאָל פארלאָרן,
און דאָס געפינס איז מער וואָר נאָך געוואָרן.

ווי קומט אזא וווּנדער? ווי קאָן גאָר געשען עס,
אַן עמעס — א ליגנער זאָל נערן דעם עמעס,

און ס'זאָלן די הונדערטער, הונדערטער ענדן
ניט קאָנען אַן איינציקן אָנהייב פארלענדן?..

איין מאָל געפונען, קעסיידער פארלאָרן;
טויזנטער סאָפן באזיגט איין געבאָרן.

האַרבסט־נאַכט

זאָל זײַן, ס׳איז איצט כּמאַריקער האַרבסט,
געװען איז דאָך אָבער אַ זומער.
פֿאַרװאָס זשע פֿאַרגעסט עס דאָס האַרץ
און לאָזט זיך באַהערשן פֿון קומער?

צי װײַל עס איז נאָר אַ פֿאַרגלײַך?
צי װײַל עס איז שױן אַ סאַכאַקל?
עס פֿאַלן די שטערן אין טײַך
און ס׳טוט ניט דער טײַך זיך קײן װאַקל —

ער גלײװערט אין נאַכטיקן שװאַרץ
און בלאַנקט מיט געליִענע שטערן.
כאָטש מײנסט, אַז דיך אַרט ניט, דיך אַרט,
װאָס פֿונקען צום װאַסער געהערן,

װאָס עפּעס אַ װאָלקן אַ ריז
הענגט איבער פֿאַרפֿינצטערטע הײַזער
און קײנער ניט װײסט אַף געװיס,
אַ שװאַרצער ער איז צי אַ װײַסער...

מענטש און אייביקײַט

כ׳האָב געגאַנגען בײַ דער אייביקײַט אַ לעבן —
גאָר אַ פּיצינקס מיט אַ קלוימערשטיקער ווערט.
קאָן זי מיר עס אייביק ניט פאַרגעבן,
זעט מיך, ווי איר סוינע אויף דער ערד;
שטראָפט מיך, רודפט מיך און טוט אָן רישעס —
ס׳האסט דער גרויסער אַלץ דעם קליינעם קוים.
וויפל ס׳האָט די אייביקײַט מיר ניט געצאָלט נעגישעס,
האַלט זי, ס׳איז נאָך אַלץ פאַר מיר אַ קנאַפּער לוין...

כ׳האָב געגאַנגען בײַ דער אייביקײַט אַ לעבן,
וואָס זשע איז דערין אַזוי דער כעס?
איר ווערט סײַוויסײַ דאָך אַלץ צוריקגעגעבן,
און ניט שײַעך איז בײַ איר קיין „פּרי" און „שפּעט".
נעמען בײַ דער אייביקײַט איז ניט קיין גנייווע:
אַלץ, וואָס כ׳נעם פאַר זיך, פאַר איר איך קלײַב.
ווי אין נויעכס צײַטווײַליקער טייווע,
ראַטעוועט די אייביקײַט זיך אין מײַן לײַב.

◆ ◆ ◆

א בלויע שויב איז א פארגלעזערט שטיקל נאכט.
א גרויער מענטש איז א פארגליווערט שטיקל צייַט.
עפנט אויף דער אלטער מאן דאָס פענצטער,
טוט זיך א פארנייג פאר דער לעוואָנע: „קום אריַין!"

אָ, צו וואָס?
ס'איז א שויב פאר דער לעוואָנע ניט קיין שטער.
פון לאנג קענען עמעצן, זי מער אים ניט דערקענט.
קוקט זי, קוקט אויף אים דערשטוינט,
און, ווי אמאָל — ווען ער א מיידל האָט געקושט, —
באהאלט זי זיך הינטער א וואָלקן...

ווינטער־אפּאַטיע

פאַלט אַ שניי אין דרויסן,
שיט זיך אָן אַ מאָס.
בין איך עפּעס אויסן,
און איך ווייס ניט וואָס...

ס'איז מיר העל און פריילעך,
גאָרנישט טוט מיר באַנק.
כ'שפּיר זיך, ווי אַ מיילעך
פון לעגענדע־לאַנד.

דאָך דער האַר פון קומער
לאָזט ניט, לאָזט ניט אָפּ —
שטאָפּט אָן שווערן אומעט
אין מײַן גרינגן קאָפּ.

נעמט אַרום אַלץ שווינדלען
און אין מיר אַלץ וואַרט.
אויגן אײַליק פינטלען
און דער מויעך שטאַרט.

ווײַט פֿון דײַנעם זײַן איך,
ס'טראַכט זיך מיר, איך טראַכט;
און די ווײַסקײַט שיט זיך
און ווײַסט אויס די נאַכט...

א פארנאכט

עס מערקט זיך ניט קיין ווינט,
און ס'שאָקלען זיך די קרוינען.

קיין וואָלקן איז ניטאָ,
און ס'דוכט, א טראָפּן פאלט.

ארום — א שעפּע זון,
און ס'ווילט זיך שטראלן שווינען.

אין הארץ אזויפיל שטילקייט,
כאָטש נעם און שריי געוואלד!..

באָם וואַסערפֿאַל

יאָ, דאָס פֿליסן איז אַ גיין אַראָפּ,
און דאָס וואַסער ליב האָט דעם אַראָפּגאַנג.

אָבער לויפֿן אַ גאַלאָפּ,
קוילערן זיך פֿון אָן אָפּהאַנג
איז, אַפּאָנעם, אויך דעם זשוואַוון טײַך דערווידער.

נעמט ער רוישן,
נעמט ער ברויזן,
האַלעמײַ אים שלעפּט די נידער:

. . . .

קנאַל, געוווי, געפּליעסק, האַרמידער...

. . . .

און דער מענטש שטייט, קוקט זיך צו,
און עס וואַקסט אין אים די רו.

◆ ◆ ◆

עס איז א בלאַט אַראָפּגעפאַלן פונעם בוים.
איז שווערער דען דעם בוים אָן אים צו אָטעמען געוואָרן?
מיר דוכט, ער מערקט עס קוים,
כאָטש ער אין אָטעם־גליד האָט אָנגעוואָרן...
אָ, אייביקייט! — דו גרויער שטאַם און גרינע קרוין,
דו האַלטסט אין איין פאַרלירן בלעטער — יאָרן!

א וואָלקנדל

דער אויסגעטאָקטער פּראָפיל ציט זיך, ציט זיך אויס.
אָט ווערט פון אים א פליגל, אָט — א הויז,

און אָט געוואָרן איז שוין גאָר פון אים א ברייט־צעקעמטע באָרד,
און באלד: א פור אָן פערד און אָן האָלאָבליעס פאָרט...

דאָס ווייַסע פורעמלאָזע פורעמט זיך אָן ענד,
ווי ס'וואָלטן איבערענדערן עס קונדעסדיקע הענט;

און אָט צעקריכט דער מיטן פון א רונדן, שיטערן שטיק טיול
און ס'זינקט אין טהאָם אריַין א גרויסער ווייַסער נול...

א זומער־אָוונט

שאָקלען די נאַסטורציעס די קעפּלעך —
שטימען אײַן מיט אַלץ,
וואָס ס'זאָגט דער ווינט.

שמייכלט די לעוואָנע,
ווי עס פּאַסט זיך פאַר א טיפּשע,
וועלכער ס'דוכט זיך,
זי האָט ליב פאַרדינט.

און די פרעש מיט אופגעפּראַלטע געמבעס
קלימפּערן אַרײַן אין כווישעך:
„קאַרג! קאַרג! קאַרג! קאַרג!"

לײַטזעליקע שטייען דעמבעס,
א צופרידענער — דער באַרג,
מער ניט זיי, די גליטשיקע, איז קאַרג,
וואָס דער גורל ט'זיי באַשערט!

און זיי קוויקן זיך אין וואַסער,
און געניסן אַף דער ערד...

פון אן אלטן כאָלעם...

פון אן אלטן כאָלעם קומט צו מיר א בילד,
און איך ווייס ניט, צי איך בין דערפון צופרידן.
עפּעס האָט עס אין דער צײַט צופיל שוין פארשפּילט:
ניט קיין אָנהייב, ניט קיין סאָף — בלויז הוילע מיטן...

האָב איך גאָר געלעבט אין אזא־אָ וועלט?
איז טאקע געווען, ווי איך זע אצינד עס?
אלץ, וואָס פאַר מײַן אויג, קלאָר איז מיר, אז ס'פעלט;
און איך שפּיל דערמיט זיך קינדישער פון קינדיש...

פון אן אלטן כאָלעם קומט צו מיר א בילד.
גרוי און אָפּגעבליאקעוועט די זוניקע קאָלירן.
עפּעס איז עס אייגן, עפּעס — פרעמד און ווילד.
שווער איז א געפינען, וואָס באטײַט: פארלירן...

זון־אופגאנג

אױף די רױזן פֿינקלט טױ,
אױף די דערנער בלינצלט ער —
ס'קוקן האַפּעררדיק אַזױ
אײגעלעך געקינצלטע,
און פֿון יאַם אַ רױטע ראָד
טױכט אַרױס אַ מעכטיקע.
װערט צונישט דער אומקום־סאָד
פֿון דער שקיִע נעכטיקער...

פארנאכט

איך ווייס: דאָס ווײַסע וואָלקנדל,
וואָס איך איצט זע,
עס איז דאָס פעלכל פון א ציגעלע,
וואָס אין זײַן ערשטן לעבנסטאָג
פארלאָרן האָט זײַן מאמע,
און דאן — פאריאָסעמט שוין —
געוואָרן אָפּגעשאָכטן...

און דאָרטן ווײַט —
ווו ס'עקט זיך אָפּ דאָס פעלד,
באם סאמע, סאמע הימל אזש —
כ'זע טאקע בלוט.
איז עס דעם ציגעלעס
אָדער זײַן אומגליקלעכער מאמעס?

ס'איז פרילינג־צײַט.
דער טאָג — א פולער ביזן ראנד
מיט יונגן גרינס.
נאָר וואָס עס גיסט אריבער זיך,
ווערט טייקעף רויט.

ווער איז דער קונצנמאכער דאָ?
צי דען טאקע די זון?

ניין, עמעץ האָט א ציגעלע געשאָכטן;
נאָך קנאפּ, וואָס ער האָט
אַף דער ערד פארגאָסן בלוט,
האָט ער נאָך אפּן הימל אופגעהאנגען
טריקענען דאָס פעלכל...

דער האָריזאָנט

דער האָריזאָנט —
דאָס דינע שנירעלע, וואָס צווישן ווײַט און נאָ׳נט, —
האָט מיך ארומגעכאַפּט פון אַלע זײַטן
מיט זלידנער זשעדנעקייט פון הונגעריקע ווײַטן.
אָ־ווײ, די פרעמדקייט, וואָס איז צוגעטראָטן, שטיקט!
ווי זאָל איך זי, די ניט־פאַראַנענע פאַראַנענקייט, צערײַסן?
די ערגעצדיקייט, וואָס האָט שטענדיק מיך אנציקט,
איך פיל זי ארום זיך איצט, ווי א רייף פון אײַזן...

דער האָריזאָנט,
וואָס נאָר אַדאַנק זײַן דינקייט
און זײַן ענגקייט
האָב איך אים דערקאָנט,
האָט זיך א הייב ארויס געטאָן פון בלויען דורכזיכטיקן זײַד
און, ווי א שטריקעלע שנײַדט זייף, דעם טאָג ער מיר צעשנײַדט.
איך זע, ס׳רינט בלוט; און בלוט דאָך שטענדיק מאָנט.
קום מיט א טײַנע איך צום האָריזאָנט:
„נאָך קנאַפּ, וואָס דו האָסט אַליץ, וואָס כ׳זע, ארומגעפלאָכטן,
האָסטו נאָך אויך דעם טאָג געשאָכטן?!“...
און אפּן הארצן ווערט אַליץ מער און מער
באַליידיקנדיק שווער,
לעמײַ א ניט־פאַראַנענקייט צעשנײַדט
אַן איינהײַטלעכע וועלט אף נאָ׳נט און ווײַט...

שטילקייט

וואָס איז שטילקייט, וואָס איז זי?

וואָס א דונער איז, ווייסט יעדער,
ס'איז באוווּסט דער סקריפּ פון רעדער,
ס'איז באקאנט דער רויש פון וועלן,
דאָס געשריי פון מענטשן־קעלן, —

אָבער שטילקייט, וואָס איז זי?

מעגסט א לעבן־לאנג עס קלערן,
סוואָרעס זאָגן, יענעם הערן.
ס'מעג דיר טויזנט מאָל זיך דאכטן,
אז דו האלטסט באם זיך דערטראכטן;
און צום סאָף גאָר: וואָס איז זי? —

וואָס איז שטילקייט, וואָס איז זי?

ענדלעך גרייט ביסט צו באשליסן,
אז מע קאָן עס גאָר ניט וויסן.
ווערסטו גלייכגילטיק צום האָרכן;
גייט אוים קלאנג, פארגייען שאָרכן

און שוין ביזן הענער־קריי גאָר
הערסטו, ס׳קלאַפּן הארץ און זייגער...

ס׳קלאַפּן נאָר דאָס הארץ און זייגער —
דאָס איז שטילקייט, דאָס איז זי...

אָוונט

א בלויע קאַץ האָט איר נאָך קיינמאָל ניט געזען?
און איך האָב יאָ געזען,
און כ׳ווייס ניט, צי ס׳איז עמעס...

געשטאַנען כ׳בין און גלײַכגילטיק געקוקט,
ווי ס׳ווערט פאַרברענט דער טאָג,
געזוכט און כ׳האָב געפונען אין דער שקיִע שיינקײַט...

א ווינטל האָט געקעמט די פּאַטלעס פונעם דעמב,
אנטפּלעקט עס האָבן זיך די יאָדערלעך פון הימל...

געוואָרן איז פאַרגלייזט די דורכזיכטיקע ווײַט,
די ליידיקײַט — געדיכטער פון א פולקײַט;
און פּונקט ווי אָנגעשפּאַרט אָן אויסגעלאָשענעם
פאַרגרויטן האָריזאָנט,
דערזען כ׳האָב שטיין א קאַץ א בלויע...

א בלויע קאַץ, ווי קאָן עס זײַן?
אזעלכע זײַנען דאָך אין ערגעץ ניט פאַראַנען!
זי שטייט אָבער אקעגן מיר, מיט אירע גרין־אַפּלען זי בליצט,
מעיושעוודיק און לאַנגזאַם מיטן עק זי פּאָכעט...

זע־זע, עס איז דאָך זי — מײַן שאָכנס גרויע קאַץ!
וואָס איז זי מיטאמאָל געוואָרן גאָר א בלויע?
און כ׳ווייס ניט, וואָס דאָ איז:
ס׳איז אויסדרוכט דער קאָליר, צי די געשטאַלט — א טאָעס?..

. . . .

איין מאָל איז מיר עס נאָר געשען,
איין רעגעלע איך האָב אזוי געזען,
און מײַן זיקאָרן האָט אַף אייביק עס פארנומען.
א בלויע, בלויע קאַץ! איך זע זי נאָך ביז הײַנט:
אַן אויסטערלישע קאַץ, וואָס שפּילט זיך ניט מיט מײַז,
וואָס גאַנוועט ניט קיין פליייש און קריכט ניט אַף די ביימער...

מענטש קעגן דער זון

קינדהײט

שטייט נאָך ערגעץ־וווּ א שטיבל,
און דערבײַ: א בוים מיט בארן
דרייט אַף דר׳ערד א לאנגן שאָטן
ארום זײַן געקארבטן שטאם.

העל געווען אמאָל דאָס שטיבל,
איצטער איז עס גרוי געוואָרן.
אָפּגעשונדן זיך די שינדלען
האָבן פון זײַן אלטן דאך.

פונדערווײַטנס קלאָר איך זע עס,
פון פארצײַטנס אלץ איך הער נאָך,
ווי עס בילט א הונט א טרײַער
אפן גאנעק, וואָס איז גרין,

און אין לופט סע שוועבן שוואלבן,
טראָגן ווערעמלעך אין שנאָבל
פאר די שוועלבעלעך די קליינע,
וואָס דערווארטן זיי אין נעסט...

כ'וויים ניט, ווו כ'האָב עס גענומען,
און פארוואָס כ'מוז אזוי טראכטן,
נאָר ביז זיכער זיַין מיר דוכט זיך,
אז די נעסט איז מער ניטאָ...

יערושע

„וואָס ווילסטו דען, מײַן קינד, דאָס טעלערל פון הימל?!" —
פלעגט אָפט זיך בייזערן אף מיר די באָבע.

געווען איז קלאָר מיר דאַן,
אז וואָס דער הימל איז, איך וויים גענוי;
נאָר ס'טעלערל... דאָס טעלערל, וואָס איז עס?

געשטאָרבן איז די באָבע שוין פון לאַנג,
א זין אן אנדערן דער הימל האָט פאר מיר באקומען,
נאָר בלויז דאָס טעלערל איז ליבלעך־אומקלאָר, ווי אמאָל...

כ'וואָלט זאָגן, ס'איז דאָס טײַערסטע,
וואָס ס'איז פארבליבן פון דער באָבען...

צײַט

געכאָלעמט האָט זיך מיר:
איך טרייסל אוים פון זייגער מײַנעם די סעקונדעס.
שיטן זיי זיך, שיטן זיך אָן אופהער,
בא די פים מײַנע — א קופּע דרויב...

וווּנדער איך זיך:
אזא פּיצעלע דער זייגער,
באָטל ווערט ער אין מײַן קליינער דלאָניע.
ווי זשע קאָן עס אזוי פיל אין אים ארײַן?

הייב איך א סעקונדע אוף און איך באטראכט זי,
זע איך: ס'שטייט אין איר אויך
עמעצער, אזא ווי איך, און טרייסלט אוים א זייגער,
און סע שיט און שיט זיך אָן אן אופהער
אויך פון זײַן זייגערל דרויב...

וווּנדערט ער זיך:
אזא פּיצעלע דער זייגער,
באָטל ווערט ער אין זײַן קליינער דלאָניע.
ווי זשע קאָן עס אזוי פיל אין אים ארײַן?

הייבט אויך ער אוף א סעקונדע און באטראכט זי,
זעט ער: ס׳שטייט אין איר אויך
עמעצער, אזא ווי ער (ווי איך), און טרייסלט אוים א זייגער,
און סע שיט און שיט זיך אָן אן אופהער,
אָן אן אופהער! אָן אן אופהער! אָן אן אופהער! — — —

ווייס איך ניט, אין וועלכן זייגער וווינט די אייביקייט.

א באנק אין גאָרטן

א דאלעד און א יוד.
נאָך יעדן אָס — א פּינטל.
צוויי נעמען עס באַטײַט,
און יעדער נאָמען איז א מענטש.

די באנק איז אײַנגעזונקען ביז דער העלפט.
עס האָט די צײַט איר ברעט צערונצלט.
דער דאלעד און דער יוד קוקן ארויס...

ווער זײַנען זיי?
ווער איז דער דאלעד, ווער — דער יוד?
וווּ לעבן זיי און ווי — באזונדער צי אינײנעם?

ווי מאָדנע איז, ווען אויך די ליבע האָט,
פּונקט ווי דער טויט, אן אָנדענק־טאָוול...

מענטש קעגן דער זון

ווי זאָל מען אזוינס פארשטיין?
ווי א גרויסע שיסל ביסטו קליין,
און אזויפיל היץ, אזויפיל שײַן!
איז עס מעגלעך דען? ווי קאָן עס זײַן?

פון מײַן קינדהײַט אָן איך זע דײַן גאנג.
זינט כ׳געדענק זיך, טוט מיר שטענדיק באנק,
וואָס איך קאָן ניט אָנקוקן דיך גראָד,
און די גרעסטע קלאָרקײַט בלײַבט א העלער סאָד...

אין א גרויסן וואָלקן ביסט ארײַן.
פון די זײַטן זײַנע פינגערט זיך דײַן שײַן.
און אז ועסט ארויס באלד פון דער גרויער ציך,
וועסטו כאָטש באמערקן מיך?

פארגעסונג

פארגעסן איך דײַן ניגן האָב —
דעם שענסטן אױף דער װעלט!
פארגעסן כ'האָב דײַן װענד פון קאָפּ,
דעם שװעב פון דײַנע הענט...

פארגעסן דיך, פארגעסן דיך
כ'האָב ביז דײַן לעצטן שטריך;
און, דיך אזױ פארגעסנדיק,
פארגעסן האָב איך זיך...

גוירל

מוישע אלטמאנען

כ'האָב געזוכט דיך אין דער גאנצער שטאָט;
אין איין אלקערל בלויז ניט ארייַנגעקוקט,
ביסטו דאפקע דאָרט געווען...

גוירל מייַנער, גוירל!

בין אוועק איך זוכן דיך איבער דער וועלט,
אומעטום געגאנגען איז מיר דייַן געשטאלט פאָרויס,
דאָך אין ערגעץ ביסטו ניט געווען...

גוירל מייַנער, גוירל!

האָב איך א פארמאטערטער אראָפּגעלאָזט זיך אף א שטיין —
מיד פון שטענדיק זען דיך פונדערווייַט,
מיד פון טאָמיד נאָר באשאָטנט זייַן, אָנשטאָט — באשייַנט...

גוירל מייַנער, גוירל!

זיץ איך אף א שטיין, א גרויער, דאָך א הארטער, פונקט ווי ער;
שטענדיק ניט געפינען איז א שווערער גזאר,
שטענדיק מוזן זוכן איז א לוין...

גוירל מייַנער, גוירל —
זיסער גוירל!..

איך און דו...

אין די בראָנזענע פארנאכטן,
ווען געבוירן ס'ווערט די רו,
גוט אזוי איז דאַן צו טראכטן:
„ווער בין איך און ווער ביסטו?"

אױף דער וועלט אזויפיל וועלטן,
יעדער מענטש — א גאנצע וועלט;
ס'דוכט, אז אָפט, און דאָך נאָר זעלטן
אונדז א צווייטנס וועלט געפעלט.

טאָ ווי קאָן עס דען געמאָלט זײַן,
דו זאָלסט זײַן מיר אזוי נאָ'נט?
איך בין ניט ווי כ'האָב געוואָלט זײַן,
ניט ווי איך האָב זײַן געקאָנט;

דו ביסט ניט ווי כ'האָב פארטראכט דיך
ערגעץ־ווען און ערגעץ־ווו,
טאָ פארוואָס זשע פאָרט אַלץ ס'טראכט זיך:
ווער בין איך און ווער ביסטו?..

יעדער שאָטן איז א בענקען
נאָך דער שײַן, וואָס איז פארשטעלט.

דוירעס

...ווײַל אַלץ, וואָס האָסט אַ לעבן־לאַנג געטראַכט,
איז נאָר אַ צוגרייטונג.
דײַן מי באַטאָג, דײַן אָפּרו באַדערנאַכט
איז נאָר אַ צוגרייטונג.

דאָס קלאָרע וואָרט, די העלע פרייד, דער גוטער מיין
איז נאָר אַ צוגרייטונג;
און אַלץ ביז דיר,
און אַלץ נאָך דיר
און דו אַליין
זײַנען אַ צוגרייטונג.

וואָס זוכסטו אַלץ נאָר אייביקײַטן צו פאַרשטיין?
פאַרשטיי די צוגרייטונג!

ווי זשע זאָל מען ניט געדענקען
דאָס, וואָס אונדז אמאָל באהעלט?

ווי זשע זאָל איך ניט אלץ טראכטן,
אז עס מוז אזא נאָך זײַן,
וואָס נאָך איר אין די פארנאכטן
מוז מען בענקען, ווי נאָך שײַן?

קאָן דען זײַן, איך זאָל ניט אנען
דאָס, וואָס לאָזט מיך ניט צורו?
פיל איך, אז איך בין פאראנען,
מוז איך טראכטן: „ווער ביסטו?"

פעניקס

שרעקלעך איז נאָך אויסראָטונג צו זוכן גליק —
ווינדעלעך צו טריקענען אַף טליִע־שטריק
און צו טראַכטן, אַז דער גרעסטער נעס
שטעקט אין קאַלטן צויבער־וואָרט: „פאַרגעס!"...

פֿונעם אַש, פֿון שטויב, פֿון בראָך און בלוט
כאַפּ אַרויס אַ גאַנץ־געבליבענע מינוט,
היים איר וואַקסן — ווערן שאָ, מעסלעס און יאָר,
מענטשן־לעבן, דויער פֿון אַ דאָר,
אייביקייט, אומענדלעכקייט, איינסאָף —
מיט אַ נײַעם אָנהייב פֿלעכט דעם סאָף!

גרויע פייגל

גרויע פייגל זינגען אויך,
און עפּשער בעסער נאָך פון די קאָלירטע.
סאָלאָווייען רײַסן זיך ניט פליִען הויך,
לאַרכן קרײַזן אום, פון זייער אייגן ליד פאַרפירטע.

אזוי פאַשעט, דוכט זיך, איז עס צו פאַרשטיין,
אזוי שווער אָבער — עס שטענדיק צו געדענקען.

ווען זײַן כ׳וואָלט...

ווען זײַן כ׳וואָלט, ווי די וועלט
אײביק אַלט און אײביק יונג,
מיט אַן אויג אַ גאָלדענעם
אין בלויען שטערן...
הערן זאָל איך ווי אַ פּולס
יעדן קלאַנג און יעדן קלונג,
אויפֿנעמען מיט אַ לײַכט האַרץ
איטלעך ווערן און ניט־ווערן...

ווען זײַן כ׳וואָלט, ווי די ערד
אײביק רײַף און אײביק יונג,
אָן אַן אויפֿהער אומקרײַזן
אַרום אַ זון־קויל.
ווי איך זאָל ניט זײַן באַהעלט,
דאַרשטן זאָל איך נאָך אַ פֿונק,
און אַליין אַ זון כ׳זאָל ווערן,
ווען ס׳איז טונקל...

כעזשבן־האנעפעש

שטראָף מיך ניט, גערדאנק דערהויבענער,
האלעמײַ מײַן ווילן שוואכער איז פון שטאָל,
האלעמײַ דו אלעמאָל מוזסט גלייבן מיר,
אז א שטארקער כ'בין געווען אמאָל...

דאָך איך פּוץ זיך ניט אין בלאנקע פעדערן —
כ'לאָז מײַן אויסזען זײַן אזעלכער, ווי ער איז!
אופריכטיק צו זײַן איז מעגלעך יעדערן,
עכט זײַן וויכטיקער איז, ווי צו זײַן א ריז...

5-871

פרייד

אויסגעשפרייט איבער מײַן לעבן אירע פליגל
און ארײַנגעהאקט אין הארץ מיר אירע נעגל,
טראָגט די פרייד מיך אין די הייכן,
ווי אן אָדלער טראָגט א האָז...

הוידעט זיך די וואָר צעשיטערט, ווי א וואָלקן,
שוועב איך, הענגענדיק אף רויבערישע נעגל —
טראָגט מיך, וויגט מיך, ווארפט און טאָרעט...
פרייד הייבט אוף און פרייד טוט ווײ!

◆ ◆ ◆

ווען איך האָב דעם מינדסטן טאָעס,
ווען כ'באַגיי אַ שווערן גרייַז,
זע אין דעם איך אַ באַווייַז,
אַז אַ גראָדער עמעס דאָ איז.

דאָך, ווען פרייַ כ'בין פון אַ פעלער
(מעג מיר זייַן דאַן גרינגער, העלער),
טראַכט זיך: עפשער עס באַווייַזט,
אַז מייַן עמעס איז פאַרגרייַזט?..

די טרעפערן

מוישע טייפן

באַ אַן אַלטן דעמב אין גאָרטן
אַ ציגײַנערן וואַרפט קאָרטן —
טאַשט, טאַשט איבער און לייגט אויס:
„וועגן... אַ קאַזיאָנע הויז...
צי אַ קאָרט! צי נאָך אַ קאָרט!
זע נאָר, ווי עס ווייל זיך פּאָרט...
זײַ, קראַסאַוויטשיק מײַנער, וויסן:
ס'גייט אַ בריוו פון מאַלקע צײַלעם —
וועסט נאָך גוטע נעכט געניסן,
וועסט נאָך העלע מאָרגנס צײַלן...

יאָ, דו האָסט טאַקע אויך סאָנים,
וועלכע זוכן אַלץ דײַן ראָע,
און פאַרשוואַרצן דיר דאָס פּאָנעם —
זייער גליק איז און האַנאָע...
הייב אַראָפּ און נעם אַ קאָרט.
היט זיך פאַר דער געלער באָרד!
ס'גייען טעג, עס מאַכט אַ וואַרע
פאַרן בייז דער מײַלעך קאַרע.

צוויטלעך, דריטלעך און א פויער;
אָדלערל, איך דיך באַדויער,
אָבער כ'מוז דעם עמעס זאָגן:
ס'קומט א טאָג, וואָס זאָל ניט טאָגן —
ס'קלעפּט דאָס בייז צום מיילעך פּיק!
יאָ, אַף אומגליק האָסטו גליק..."

קענגן זון עס טוט א פינקל
ס'פאַלשע גאָלד פון אויער־רינגל.

◆ ◆ ◆

פארשטער ניט מײַן נארישן כאָלעם
מיט קלוגשאפט, וואָס פּאסט פאר דער וואָר,
און שייל ניט די אומקלאָרע שאָלן,
צו מאכן איין יאָדערל קלאָר!

כאָטש ס'איז אזוי פיל שוין פאראנען,
איך ווייס, אז דער איקער נאָך פעלט.
געטרייסלטע פון הוראגאנען,
אונדז פרעמד איז א רויִקע וועלט...

איך קאָן דיר ניט, ברודער, דערקלערן
דעם נארישסטן קלוגן געדאנק:
פארוואָס אזוי טרויעריק־געדן
זיך בייגט צו דער ערד רײַפע זאנג...

— פארשטער ניט מײַן נארישן כאָלעם —
דעם געטלעכסטן מענטשלעכן זכוס.
איך וויל ניט, איך אָנווערן זאָל אים —
דער אייביקײַטס אומקלאָרן גרוס!

יעיצערטאָוו

מורמלט מיר אַרײַן אין אויער מײַן ביטאָכן:
„אַלע בייזע ווערזנס פֿון דער וועלט פּונקט שלאָפֿן,

וואָך עס זײַנען נאָר די גוטע.
טוען זיי בלויז גוטס. אויך דו טו!"

גיב איך זיך א ריס אַראָפּ פֿון מײַן געלעגער,
און מיט האַרטער אײַנגעשפּאַרטקײַט פֿון א יעגער,

א צעבראָסטעטער איך לאָז זיך לויפֿן
אין א היציקן געיעג נאָך מײַסים־טויווים...

אײַל איך, ווי דער ערשטער שטראַל פֿונעם פֿרימאָרגן,
זוך, ווו מײַן געגאַרטער יאָגד־פֿאַנג ליגט פֿאַרבאָרגן;

גרייט כ'בין דורכצולויפֿן אומצאָליקע מײַלן,
אויסצושיסן מײַנע גוטהאַרציקײַט־פֿײַלן...

כ'שפּיר: איך מוז, איך מוז זיך צו מײַן פֿאַנג דערקלײַבן.
אָ, מײַן האַרץ — מײַן פֿײַלן־טאַש, זאָלסט נאָר ניט ליידיק בלײַבן!

אפן קויצע שעל יוד

עלי שעכטמאנען

אפן קויצע שעל יוד[1] —
אפן שפּיץ פונעם פּיצעלע אָם —
אָט דעם נאָדלשן שטאָך,
ווי א מילב־שפּור די קליין,
הענגט א ריזיקע וועלט:
יאמען, וועלדער און בערג,
וואָרעם, וואלפיש און מענטש,
טרוים, מאמאָשעם און ווּנטש.

אפן קויצע שעל יוד —
אפן קוים־קוים־פּאראן,
אפן מאָנצינקן קנאָפּ
צווישן זייַן און ניט־זייַן,
ווי א פידל כ׳הענג אוף
מייַן צערודערטן מוט,
און ער הענגט אזוי פעסט
אפן קויצע שעל יוד!

[1] קויצע שעל יוד (קוצו של יוד) — דאָס שפּיציקל פונעם אָס יוד.

פונעם קויצע שעל יוד,
ווּ ס'איז אלץ הוילע טאָך —
ווּ ניטאָ ס'איז קיין אָרט
פאר ניט־איקער און נישט,
פאנג ארוים איך דעם זין,
וואָס בארויִקט מײַן בלוט:
גרעסטע גרויסקײַט שטייט אײַן
אין איין קויצע שעל יוד...

אָפּשייד

זאָג מיר ניט, וועסט קיינמאָל מער צו מיר ניט קומען.
וועגן האָבן ליב צו טרייַבן שפּאַס!
אָפּט האָסט זיך אין ווייַטסטער ווייַט פאַרנומען,
און צוריקגעקומען ווידער אַף דייַן גאַס...

ווערטער, וועלכע מיינען זייַן א ניידער,
זייַנען נאַריש, ווי א גייַוועשפּרוך.
וויש אַראָפּ דעם שטויב פון דייַנע קליידער,
דאָס, וואָס האָט דיר צוגעגעסן זיך, פאַרזוך...

באם פאלשן וועג

פארזונקענע טריט אינעם זאמד —
פארווייעט, פארווישט און פארשאָטן...
צו וואָס האָט געטויגט אזא גאנג,
וואָס טרעטנדיק, זיך האָט פארטראָטן?

עס האָבן גענארט זיך די פיס,
וואָס האָבן געצייכנט די סליאדן.
סע שמארצט יעדע שפור, ווי א ביס
פון דעם, וואָס האָט ליב צו פאראטן.

ניטאָ די ניט־נייטיקע טריט,
די שפורן — פארווייעט מיט זאמדן.
איין זאך מער ניט האָט זיך פארהיט:
דער ווייטעק פון סייכל פארזאמטן...

אויסניכטערונג

דער רויך פארגייט.
א ווײַלע בלויז — און ער ניטאָ איז.

דער שאָטן איז דאָך אויך ניט מער,
ווי נאָר א שווארצער טאָעס.

הײַנט וואָס איז ווערט
דער שאָטן פון א רויך?..

אײַנדרוק

הערסט אמאָל באנאכט,
עמעץ גייט פארבײַ דײַן פענצטער,
און דיר קלינגען זײַנע טריט,
ווי ער זײַן וואָלט שטארק פארצווייפלט,
וואָס ער גייט, וווּהין ער גייט.

באלד האָסטו עס שוין פארגעסן.
אָבער, וויי! ניטאָ קיין שלאָף...

רעמיניסצענץ

און ביז הײַנט עס טרעפט נאָך, אז די אלטע וווּנדן
עפענען זיך ווידער, ווערן אָנגעצונדן.

שטייט אויף אין זיקאָרן א געשענדטע פוילן,
דעם געדאנק פארקלעמען קרעמאטאָריע־גרוילן...

אין אזעלכע רעגעס אַלע גלידער שפּירן,
אז עס נעמט א שטורעם רײַסן די געהירן,

עפּעס עפנט אויף זיך, עפּעס ווערט פארצויגן —
האקט זיך אָפּ די וואָר מיר, שליסן זיך די אויגן:

כ׳זע א ייִדיש געסל אין א פּויליש שטעטל.
טויט די טראָטוארן. ווער זאָל זיי באטרעטן?

פּלוצעם הער איך רעדער — ס׳קומט אָן א לעווײַע —
שרײַענדיקסטער ווייטעק, דאָך מע הערט ניט שרײַען...

איטלעכער באגלייטער שטום פון צאר און שרעק איז;
גרויליק לאנגזאם טרעטן פערד אין שווארצע דעקעס —

אָפּשײַ פּארן טויטן: נאָר ניט טאָן קיין טרייסל!
טרעטן זיי פארגליווערט — גייענדיקע מייסים...

פּלוצעם פליט אָן שטורעם, ס׳ברעכט אויס א געוויטער,
דונערם נעמען זעצן, שויבן זיך צעשיטן,

פערד ווערן דערשראָקן — נעמען לויפן, יאָגן,
און די שווארצע דעקעס, וואָס אף פערד און וואָגן,

הייבן זיך, ווי פליגל, פלאטערן און פאָכען...
אָ, אין דער אנגאָלע ט׳זיך אן אקס צעבראָכן

און א ראָד געפלאצט האָט, איז אראָפּגעפלויגן.
האָפּקעט זיך דער וואָגן אף איין זײַט געבויגן,

און די פערד צעיושעט, טירעפדיק זיך טראָגן,
און מעלאָווים לויפן, קאָנען ניט דעריאָגן...

קאָנען ניט דעריאָגן . . . .
. . . .

כ׳בלײַב אליין אין געסל, כ׳טוליע צו מײַן שטערן
צו דעם סלופּ דעם קאלטן פון א גאס־לאמטערן,

און איך הער די וואָלקנס און די שטיינער שרײַען:
„העוועל, ווער א קאַין פאר דײַן ברודער קאַין!..״

די עלטער

דאָס רויטע היטעלע גייט דורכן וואלד,
און ס׳גייט איר שאָטן נאָך,
ווי א באשיצנדיקער יעגער,
נאָר עס איז איבעריק —
דער גרויער וואָלף, ער איז שוין אלט,
ער ליגט מיט אָפּגעטעמפּטע ציין
און דרעמלט אף זײַן מאָך־געלעגער.

די באָבעווארט אין בעט
און טראכט, און טראכט, און טראכט:
„ניטאָ דאָס רויטע היטעלע,
ניטאָ דער וואָלף,
ווו זײַנען זיי עס ביידע?"
איך פּרוּוו איר ענטפערן,
נאָר כ׳הער, מײַן ערשטע כאוועדטע —
דאָס רויטע היטעלע ווערט אופגעבראכט:
„ווער איז ער עס? וואָס דארף ער דאָ,
אָט דער־אָ פרעמדער, פרעמדער זיידע?"...

דער זיידע

צו ביסעלעך, צו ביסעלעך —
און ס'ווערט א פול־פול שיסעלע.
פארשטייסט, מײַן קינד, פארשטייסט?

ווען מע פארלאָזט דאָס וויגעלע,
בלײַבט עלנט ס'ווײַסע ציגעלע.
(באָס אָנהייב — שוין פאראט!)

א טראָטעלע, א טראָטעלע.
אױף וועגן אויסגעטראָטענע,
עס טרעפט, מע בלאָנדזשעט גאָר.

מע ענדערט זיך, מע ענדערט זיך,
מיט פריידן מע פארבלענדעט זיך,
און וואָס געווען, מע בלײַבט.

דאָס ייִנגל, דער דערוואקסענער,
דער זאָקן בלייבער־וואקסענער —
אין זעלבן בענקשאפט־קרײַז.

די צוקונפט, די פארגאנגענהײַט,
די מענטשלעכע פארלאנגען־קייט
זיי בינדן אלץ צונויף.

היט אָפּ, מײַן קינד, דײַן שטעגעלע,
פֿאַרגעס ניט קײן אײן רעגעלע,
אַז װעג איז אױך אַ הײם.

צו ביסעלעך, צו ביסעלעך
עס פֿילט זיך אָן דאָס שיסעלע,
און פֿולקײַט מוז זײַן שװער...

◆ ◆ ◆

און ווען דער טאטע זאָל ניט געווען קויפן
קיין ציגעלע אפן מארק,
וואָלט דאָך ניט פארצוקט עס די ווילדע קאץ,
וואָלט דאָך דער בייזער קעלעוו ניט געביסן,
ניט געמיימעסט וואָלט דער סוקעוואטער שטעקן,
ניט געסארפעט וואָלט דאָס פײַער,
ניט געלאָשן וואָלט דאָס וואסער,
ניט געזשליאָקעט וואָלט דער אָקס,
און דער שויכעט ניט געשאָכטן...

האָט אָן אנדער טאטע עס פארשטאנען
און געוואָלט דאָס בייז פארמײַדן.
ווי זשע אָבער זאָגט מען אָפּ זיך
פון א קויף, וואָס איז אזוי שפּאָט־ביליק, —
בלויז צוויי זוזים, בלויז צוויי זוזים!..
איז געפאלן ער אף א האמצאָע:
ער דאָס ציגעלע געקויפט האָט
און געפירט עס גלײַך צום שויכעט.

אויסגעמיטן די כאר־גאדיע,
ניט פארמיטן דאָך דאָס בלוט...

באלוינונג

כ׳ווייס, אז מענטשן האָבן פֿײַנט דעם ווינט
און האָבן ליב די שטראַלן.
אָבער אויך דעם ווינט איז קאַלט,
און ער זיך אָנוואַרעמען איז א באַלן.
עפֿן אים א פֿענצטער,
עפֿן אים א פֿענצטער.
ס׳דאַרף א היים ניט זײַן פֿאַרמאַכט!

כ׳ווייס, אז אַלע הײַזער
האָבן ריגלען, שטאַבעס, שלעסער,
און, אן אָפּגעזונדערטע,
עס פֿילט די רויִקײַט זיך זיכערער און בעסער.
און פֿונדעסטוועגן פֿאַרשפּאַר די הינט,
שליס אויף דײַן טיר, פּראַל אויף דײַן פֿענצטער!

זעסט שוין: ס׳האָט דער קאַלטסטער ווינט
די פֿרישסטע לופֿט געבראַכט.

וואנדער־ליד

אפן ראנד פון יאָ און ניין,
סטאם אזוי און דאפקע,
האָב איך ליב זיך לאָזן גיין
צווישן הינט־געהאווקע...

מיינסט, דאָס שמעקט אזוי דאָס היי,
ניין, דאָס שמעקט דאָס לעבן!
גיי איך מיר און גיי, און גיי,
און בלײַב ראק דערנעבן...

ווער בין איך? פונוואנען כ'קום?
וואָס איז דיר עס וויכטיק?
כ'גיי, ווי דו, אונטער דער זון,
כ'פריי זיך, וואָס ס'איז ליכטיק.

כ'זע א שליכעם אין מײַן גאנג,
אין מײַן טראָט — דעם עמעס.
כ'טרוים, מײַן זויבערער געדאנק
וועלן זאָל אויך יענעמס...

אפן ראנד פון יאָ און ניין,
סטאם אזוי און דאפקע,
האָב איך ליב זיך לאָזן גיין
צווישן הינט־געהאווקע.

קורץ איז ער, דער לאנגער וועג,
לאנג איז ער, דער קורצער.
פאלן, פאלן בלעטער — טעג,
וועקן אוף דעם אור־צאר...

געדאנקען־פרײַנט

פון האַרץ צו האַרץ איז אָפּטמאָל אַ מעהאַלעך,
אַפילע ווען מע גייט צוזאַמען — זײַט בײַ זײַט.
און צווישן אונדז עס ליגן הונדערטער מערידיאַנען,
און ס'איז ניט ווײַט...

אָנהייב

ווי די פרייד, וואָס פליט אָן פליגל,
ווי דער צאַר, וואָס דריקט אָן וואָג,
הייבט ארויס זיך פון מײַן וויגל,
קומט צו מיר מײַן ערשטער טאָג.

כאָטש כ'האָב לאַנג אים שוין פארגעסן,
קיינמאָל גאָר ניט רעכט געדענקט,
האָב איך מיט מײַן גאַנצן וועזן
שטענדיק נאָך זײַן שײַן געבענקט;

און אָט שטייט ער פאַר מיר ווידער!
נאָך פאַרטאַכלעוועטע יאָר
נעמט אַדורך א העלער ציטער
מײַן פאַרשטאַרטע האַרטע וואָר.

אין מײַן אויסגעטרוימטן מאָרגן,
אין מײַן טרוימענדיקן הײַנט
שטעקט מײַן וואָרצל-טאָג פאַרבאָרגן,
מיט זײַן ערשטיקייט ער שײַנט...

פרײַנטשאפט

נ. פּ. יעגאָראָווען

אַלטע פֿעדעם טאָר מען ניט צערײַסן
דעמלט אויך, ווען זיי צעקריכן זיך אַליין.
אויב ס'איז עמעס, אַז געפילן זײַנען ניט פון אײַזן,
זײַנען זיי אָבער אויך ניט פון שטיין...

מיט דער צײַט מוז אַלצדינג זיך צעדריבלען —
אַלץ, וואָס איז געבוירן, איז באַשאפן, איז געמאַכט;
אַלע צווישנמענטשלעכע צופרידנקײַטן און פאַריבלען —
ווי דער שטערנפאַל אין אַ סאָפּזומער־נאַכט...

זע דעם נעס, וואָס איז באַשערט איעדן,
וואָס מיט ליבשאפט גיריקער די פרײַנטשאַפט קלײַבט:
עס צעדריבלען זיך, ס'צעקריכן זיך די פעדעם,
און די צוגעבונדנקײַט פאַרבלײַבט...

עמעס...

מיינסטו, אַז ס'איז אַלץ אַזוי?
האָסטו שוין אַ טאָעס!
ווײַס ווערט גרוי און שוואַרץ ווערט גרוי,
און קיין גרוי ניטאָ איז...

סאַראַ ווערט האָט דער באַגער,
אויב ס'איז אַלץ נאָר פּשאָרע?
סײַ דער שמייכל, סײַ די טרער
זײַנען ביידע קלאָרע...

אָ, דער טאָעס קריכט אַרײַן
אין איעדן עמעס.
אייביק, מיינט ער, וועט ער זײַן,
אויב ער שוין געווען איז.

ווײַס ווערט גרוי און שוואַרץ ווערט גרוי
און קיין גרוי ניטאָ איז...
זאָג מיר, עמעס, וויאַזוי
הויזסטו מיטן טאָעס?

צום עמעס

זאָג מיר, ווי זאָל איך דיך זוכן?
זאָג מיר, וווּ זאָל איך דיך זוכן?
כאָטש איך וויים: דער, וואָס דיך זוכט,
טעגלעך נײַעם צאַר פאַרזוכט...

אָ, ווי גוט איז דיך צו טרעפן,
און געפערלעך — דיך צו טרעפן!
ווער דיך איין מאָל ערגעץ טרעפט,
בלײַבט שוין דײַן פאַרבענקטער קנעכט...

געלט

שלאָפט דער מידער קאַטערינשטשיק,
הערט אין שלאָף זײַן אייגן כראָפּען;
דוכט זיך אים,
עס איז דער ניגון פון זײַן קאַטערינקע —
איר געפּאַנפּע, איר געגרילץ!

אַלץ דאָס אייגענע פאַראָסטע
סקריפּען פון מעטאַל־געדערים,
ס'קראַצט דאָס כאָרכלדיקע לידל —
שיפּעט, צישעט, פּײַפּט און כראָפּעט,
מאַכט פון שלאָף א צווייטע וואָר:

הינטער די פאַרמאַכטע וויִעס
שיטן אָן זיך בערג מאַטבייעס,
און ער קוקט און קוקט... און מאָדנע,
מאָדנע, ווי עס אַרט אים ניט!

און דאָס לידל סאָפּעט, כראָפּעט,
קוויטשעט, פּאָרסקעט און פאַרקײַכט זיך,
און סע שיט זיך פון די פענצטער,

און עס פֿאַלט פֿון אַלע גאָרנס
געלט אַף געלט, אַף געלט, אַף געלט...

הייבט זיך אויף דער קאַטערינשטשיק
(ס'הייסט, אין כאָלעם הייבט ער אויף זיך),
און אַ גרינגער, ווי אַ יינגל,
לויפֿט ער צו צו די מאַטבייעס,
פּאָכעט אײַן דעם פּוס דעם רעכטן,
און צעבריקעט, און צעבריקעט
זיי אַף אַלע זיבן זײַטן...

ווערט אים לײַטערנדיק פֿריילעך,
וואָס עס קימערט ניט דאָס געלט אים,
און ער פּאָכעט מיטן פּוס אום
ברייטער, אימפּעטיקער, שטאַרקער,
ביז עס רײַסט אים אויף פֿון שלאָף.

קוקט ער אום זיך, טוט אַ שטאַרער
מיט דער האַנט אַ מאַך פֿאַרדראָסלעך —
שלאָגט זי אָפּ זיך אָן זײַן וועסטל;
ס'שטעקט אין קעשענע אַ גראָשן...
נעמט ער אים אַרויס פּאַמעלעך
מיט צוויי אומזיכערע פֿינגער,
קוקט אַף אים און קוקט, און קוקט,
קוקט אַף אים און קוקט, און קוקט...

◆ ◆ ◆

אויב דו וועסט ארויסלאָזן דאָס פייגעלע פון שטיַיגל,
וועט ניט הייסן, ס׳איז דאָס שטיַיגל פוסט.
ס׳וועט די פריַיהיַיט צוזעצן זיך ערגעץ אויף א צוויַיגל,
און זי אָטעמען וועט אין דיַין ברוסט.

זאָל דאָס טירל — אופגעריסן — אפן ווינט זיך וויגן.
ריגל איז א מערדעריש געציַיג!
און געזאנג, וואָס קומט פון א געפענקעניש, איז ליגן,
פארבלאָז איז די פארביקיַיט אין שטיַיג.

א הײַפעלע שײַן

שויבן

יעדע שויב מיינט, אז זי האָט געכאַפּט די זון.
שײַנען גליקלעך גליִענדיקע שויבן.
יעדע שויב האָנאָע האָט דערפון,
וואָס מע טוט איר שפּיגלדיקײַט לויבן.

צווישן היים פאַרטונקלטער און העלער וועלט —
א מעכיצע דורכזיכטיקע, דינע.
אָ, ווי ליב עס איז, ווי יעדערן געפעלט
מיט א דורכלאָזן דורך זיך צו קענען דינען!

יעדע שויב מיינט, אז זי איז דער קוואַל פון שײַן,
אז אָן איר וואָלט פינצטער זײַן אין שטיבער.
יעדע שויב לאָזט פרעמדע ליכטיקײַט ארײַן,
און זי נעמט זיך, ווי מיט אייגנס, איבער...

דער פּאַרקישעפּטער קרײַז

װאָס איז די פרייד,
אויב נישט דער אומעט, װאָס פאַרגייט?
און װאָס איז דען דער אומעט,
אויב נישט די בענקשאַפט, װעלכע כאַפּט דאָס האַרץ אַרומעט,
אַמײַ די פרייד פאַרגייט?

הײַנט װײס, װאָס אומעט איז, און װאָס איז פרייד...

געשיכטע

וויפל עמעסן ליגן צעטראָטן
אף איין פליטע פון א גרויען טראָטואר?..

וויפל האָפענונגען מיינען, אז זיי האָבן פליגל,
פאלן זיי אראָפּ דערפאר?..

וויפל זונען האָבן ניט דערוואַרעמט,
ווײַל מע ט'זיך באהאלטן, טאָמער שלאָגט ארוים א שווייס?..

וויפל ליגנס קאָנען זיך פארטײַען אין איין שאָטן,
מעג ער זײַן אן ארבעסל די גרייס?..

לעבן

אָט דאָ, ווו געווען ס׳איז די געטאָ —
אויף קופּעס פון שטיינער,
אויף מיסט און אויף בראָך, —
האָט דורכגעוויילט פּלוצעם
א מיידל מיט פלאמיקע האָר.

און כ׳קאָן ניט באשליסן,
צי איז עס די סריפּע,
צי איז עס דער ווייטעק,
צי איז עס דאָס בלוט,
צי סטאם נאָר א מיידל.
דערצו נאָך א מיידל,
וואָס איז ניט נאָר סטאם!

◆ ◆ ◆

דער גרויסער „פאַרוואָס?”,
וואָס באַוועגט דעם געדאַנק,
האָט פּלוצעם געפונען דעם ענטפער.
איז געוואָרן אַלץ קלאָר,
זאַט און פול דער פאַרשטאַנד,
און דער עמעס לאַכלוטן ניט נע׳נטער...

אנטפּלעקונג

אוואַדע, אוואַדע, אוואַדע
ווערט יעדער אוואַדע אַן אַגעוו.
דעם ריס ניט באַזײַטיקט די לאַטע,
ער ווערט אַדאַנק איר גאָר אַ טאַקיף.

נאַטירלעך, נאַטירלעך, נאַטירלעך
איז אַלץ, וואָס נאַטירלעך, אַ דימיען.
וואָס מער עס זיך עפּענען טירלעך,
מער לעכערדיק ווערט אַלץ דער ביניען.

אוואַדע, אוואַדע, אוואַדע!
נאַטירלעך, נאַטירלעך, נאַטירלעך!

פאַרגאַנגענהײַט

ווידער בליט אויף א דערמאָנונג,
ווידער קראַצט אין האַרץ איר דאָרן,
כאָטש זי איז גאָר ניט קיין רויז;

און א העלע זון א ווײַטע
גליווערט, ווי אן אַלטע שיסל,
אפן דאַך פון טאַטנס הויז...

עמעץ האָט מיך אָנגערופן
מיט מײַן מאַמעס צערטל־נאָמען
און צעלאַכט זיך אפן קאָל.

וואַקסט א וואַנט מיר אויס אַנטקעגן
און אף איר א שווערער אויפשריפט —
דאָס גאַזלאָנעס־וואָרט: א מ אָ ל!

די זון, נעבעך...

איך האָב ראכמאָנעס אױף דער זון, װען זי פארגײט.
עס פּלאָגט זי אזא שװערע בושע,
אז ניט נאָר זי אלײן װערט רױט —
דער גאנצער פּערלדיקער מײַרעװ פלאקערט...

נאָר אױך קאַיאָר מיר איז א צאר אױף איר.
זי ברעכט די נאכט, באשאפט א טאָג,
און שטײַגנדיק א יונגע, רױטלט זי זיך װידער:
װײ־װײ, זי איז אמאָל פארגאנגען!..

◆ ◆ ◆

ניין, עס שטאַרבן ניט די יאָרן.
יאָרן ווערן נאָר געבאָרן.
שטענדיק אין געבורט — די צײַט...

און דער מענטש לעבט אָפּצוקלײַבן
יענע טעג, וואָס ווען בלײַבן
העל אויך פאַר דער ווײַטסטער ווײַט.

◆ ◆ ◆

רײַב איך אַ הײַפּעלע שײַן אין די דלאָניעס —
גאָרנישט פאַרבלײַבט!
גאָרנישט פאַרבלײַבט!

פֿײַניקט מיך סאַפּעק: וואָס האָב איך צעריבן?
עפּשער די צײַט?
עפּשער די צײַט?

טו איך אַ גלעט מיט די פינגער די שלייפן —
פון אָדער דעם שלאָג,
פון אָדער דעם שלאָג.

קוק איך אין שפּיגל, געפין אין די פּייעס
שטרײַפעלעך טאָג,
שטרײַפעלעך טאָג...

ענדערונגען...

בלוי דאָס וואַסער, ווען ס'איז טיף,
שוואַרץ — ווען שטורעם טוט אַ שטיף,
ראָז — ווען ס'ברענט דער הימל־זוים,
ווײַס — ווען עס געוועלטיקט שוים;
און פֿונדעץ —
בלײַבט עס פֿאַרבלאָז, ווי געווען...

◆ ◆ ◆

ניט דערציייל מיר זאכן, וואָס איך וויל זיי ניט באַנעמען,
מאָל מיר ניט קיין בילדער, וואָס מיר זײַנען פרעמד.
כ׳וועל זיי ניט באַגרײַפן און כ׳וועל זיך ניט שעמען,
כאָטש אין דײַנע אויגן וועל איך זײַן פאַרשעמט.
אַלץ, וואָס אין מײַן מאַרך וואַקסט, אין מײַן האַרץ — די זוימען.
איך פאַרלײַד ניט בילדער, וועלכע כ׳קאָן ניט טרוימען!

שאָטנס

שאָטנס שלאָפן שטענדיק —
סײַ באַנאַכט און סײַ באַטאָג...

און מעגלעך, אַז זיי זײַנען גאָר דער שלאָף אַליין,
וואָס ליגט, ווי אַן אַראָפּגעוואָרפן קלייד
בײַ אַ יעדער זאַך, וואָס וואַך איז...

אָט וועט באַלד די זון אַראָפּ,
וועלן מיר אַ שלאָף זיך אָנטאָן...

שאַ, גיי פּאַרזיכטיק! גיב אַכטונג!
טרעט ניט, טרעט ניט אויף דײַן נאַכט-קלייד!..

דיכטונג

ווי שיפעלעך, לאָז דיינע ווערטער
אוועק מיטן שטראָם פונעם ריטם,
ביים הונדערטער מאָל זיי די ערטער
און צווייפל, צי האָסט ניט פארביטן...

רייס זיי פון צונג אָפּ, ווי פּיאווקעס,
וואָס האָבן דאָס בלוט דיר געזויגן.
ווארף זיי, ווי שטעכיקע דאפקעס,
דער ארטיקער וואָר אין די אויגן.

מעגן זיך צאַפּלען די זאצן,
אזוי ווי צעשניטענע שלאנגען,
מעגן, ווי קנאָספּן, זיי פּלאצן
און שווער זיין, ווי צייטיקע זאנגען,

גיב זיי די פרייהייט געגארטע
נאָך דעם, ווי דו האָסט זיי געבונדן.
הארטע פארוואנדל אין צארטע,
דערמיט, וואָס פארווונדיקסט, היילן וונדן...

א ווינט אין קוימען

יעדן וויינענדיקן מעגלעך איז צו זען;
דיך מע זעט ניט, בלויז מע הערט געוויין.
זײַענדיק נאָך, ביסט שוין א געוועזן,
פאר דײַן אָנקום פײַפט שוין דײַן פארגיין.

ווער ביסטו, וואָס אײַלסטו און וווּהין?
ענטפערסט, דאָך דעם ענטפער טראָגט אוועק.
זעסט זיך ניט, ווײַל דו ביסט שרעקלעך דין.
שרעקלעך דין דו שפּינסט א דינע שרעק...

פאל...

אויב דער בלאט האָט אָפּגעריסן זיך שוין פון דער צווײַג,
טאָ צו וואָס באַדאַרף ער נאָך אין לופט זיך דרייען?

פאַל־צײַט איז בעמיילע ניט קיין צײַט,
און ניטאָ איז וואָס מיט א פאַרלענגערן זי זיך צו פרייען...

פליִען סטאם — געשלײַדערט פונעם ווינט,
און דערפאר פארטראָגן ווערן ווײַט פון שטאם און וואָרצלען?

ווײ צום פלי, וועלכער דעם פאל באַדינט!
פאל און פלי — דאָס שרעקלעכסטע געפּאָרט זײַן...

מיר זײַנען מענטשן נארישע...

מיר זײַנען מענטשן נארישע
און טרוימען אלץ פון גליק;
און אז אמאָל ס'דערבארעמט זיך
שוין איבער אונדז דאָס גליק,
און טוט א שמייכל ווארעמלעך,
א ווונק מיט פאלשן בליק, —
מיר זײַנען מענטשן נארישע
און שמעלצן זיך פון גליק...

◆ ◆ ◆

אַלע שוואַלבן, וואָס געזען כ'האָב זינט מײַן קינדהײַט,
זײַנען, דוכט, די זעלבע שוואַלב.

יעדער עמעס, וואָס האָט ווען־ניט־איז באַשײַנט מיך,
האָט מיר אַנדערש אויסגעזען.

איז די שוואַלב דען ניט קיין עמעס?
עמעס, עמעס — פרײַע שוואַלב!

מאָסן

ניט די צאָל פֿון שאָטנס,
נאָר דעם שאָטנס שוואַרצקייט
איז די מאָס צו שאַצן שטאַרקייט פֿון דער שיין.

ניט צי ס'איז געראָטן,
צי געטאָן כ'האָב האַרציק —
אַף אָט דער־אָ פֿראַגע מוז דער ענטפֿער זיין!

טראַדיציע

אַזאַ וועג אַ לאַנגער בינדט צוזאַמען ווײַטן,
ברענגט אַהער געשאַנקען פֿון פֿאַרוועלקטע צײַטן.
זיידעס — אים געפֿלאַסטערט, טאַטעס — אײַנגעטראָטן;
שוין פֿון לאַנג פֿאַרעלטערט, און נאָך אַלץ געראָטן...

נאָכן כאָלעם...

אַלץ געווען איז פּונקט ווי אַף דער וואָר.
נאָר די וואָר נאָך דעם באַקומען האָט אַן אַנדער אויסזען...
גרויע האָר זיינען די זעלבע שוואַרצע האָר,
ווער ס'באַגרייפט עס ניט, מוז זיך אַנטוישן...

געולע

און ווער, זאָג, וועט טרייסטן דעם טרייסטער?
(אויך ער דאָך האָט נייטיק א טרייסט!)
אויב בלײַבן וועט איין ניט־דערלייזטער,
וועט זײַן עס פּונקט דער, וואָס דערלייזט...

מאזשאָר

ווידער גרויסער טאָג.
נאכט צעפּאלן איז אף שטיקלעך שאָטן,
און געפּוצט אין טוי־קרישטאָל
שטייען מוטיק שוואכסטע גראָזן...

האָט דײַן הארץ אמאָל געוויינט,
איז דערמאָנען עס פארבאָטן;
זון גייט אוף — דאָס בייז פארגייט!
וועלף באהאלטן זיך פון האָזן...

קלאָרקייט

ליגט אַף לאָנקעס א טומאַן,
דאָך דער וועטער זײַן וועט זוניק.
ס׳ליגט אַף לאָנקעס א טומאַן,
ווײַל דער וועטער זײַן וועט זוניק!..

פרי־פרילינג

אין שפּיל פּון אלע ליכטיקע קאָלירטע כיינען
דאָס ליבסטע איז: עס ווערט דער שניי שוין שוואַרץ!
עס צוויטשערן די פּייגעלעך — אזעלכע קליינע,
און ס׳ענטפערט אזא גרויסער עכאָ אָפּ אין הארץ...

נאָך דער באַפרייַונג

גוט אזוי, וואָס אזא בייזע צייַט איז שוין אוועקגעגאנגען,
און איך קלערן קאָן: איך וויל ניט וועגן איר מער קלערן!
ס׳איז די נאכט געווען אזא־אַ לאנגע,
אז מע האָט געקאָנט באַווייַזן אויסציילן די שטערן...

◆ ◆ ◆

ניט זאָג דעם שטיין, אז ער איז גרוי,
ניט זאָג אים, ער איז האַרט.
אין אַנדער עמעס אים פאַרטרוי —
דערציייל אים, ער איז שטאַרק.

געוויטער

ס'האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ דונער און צעשאָטן זיך —
שלאַנגנדיק אַ צווייטן, אויסגעראָטן זיך.

כאָטש דער בליץ האָט עס פאָרויסגעזאָגט,
איז צו שפּעט געווען עס אויסגעזאָגט.

ניט דעם דונער מיין איך צו באַדויערן,
נאָר די כאָרעווע פּאַרקוילטע מויערן...

דאָס פלאַטערל

איז דער וועג פון בלום צו בלום דען ניט קיין גלייַכער?
ווי קאָן קורצדויער דערלויבן זיך זיגזאַגן?
ניין, דאָס שמאָלע שוואַרצע באַבעלע פאַרמאָגט ניט פליגל,
ס׳טראָגט צוויי ווייַסע פאָנעלעך צום יאָמטעוו פון געניסן...

◆ ◆ ◆

טראָגט דער ווינט זיך — איז ער נאָך א ווינט.
שטעלט ער אָפּ זיך — טייקעף ער פארשווינדט.
פרעג ניט: „ווו־אהין?״
ווארפן פראגעס אפן ווינט האָט ניט קיין זין...

שלאָפלאָזיקײַט

עס פײַפט א ווינט אין קוימען.
עס קרייִען הענער ניט, סע שווײַגן קראָען,
און ס'ציִען זיך, און ס'ציִען זיך די שאָען...
צעבײַט זשע מיר א לאַנגע וואָר אף קורצע טרוימען!

פּאַראַדאָקס

דער פעלדז איז שטאַרקער פונעם מענטש;
ער ווייסט עס אָבער ניט.
און ווײַל דער מענטש, ער ווייסט עס יאָ,
איז ער ניט שוואַכער פונעם פעלדז...

צו א סאָסנע

הונדערט יאָרן אָפּשטיין אױף איין אָרט
און מיט צווײַגן שטאַרע צו די ווײַטן פּאָכען?!..
איך דאָך פּאָר און פּאָר, און פּאָר... און פּאָרט
וועל פֿאַרבלײַבן איך אַמאָל דײַן שאָכן.

א רעטעניש

אפֿן סאמע שפּיץ פֿון בארג שטייט א שטיבעלע א קליינס,
און דערבײַ אין טאָל: א מויער — שטאָקן זיבן.
ס'איז קיין פֿראגע ניט, נאָר כ'פֿרעג אלציינס:
ווער האָט העכער זיך דערקליבן?..

אָנמאכט

עס ברויזט אזוי דער יאם...
נאָר וואָס איז פון זײַן ברויזן,
אויב ס'לאָזט ניט ווײַטער גיין
א דרעמלענדיקער ברעג?..

◆ ◆ ◆

ס'קוועלט דער ווינט: ער איז דער באַלעבאָס —
שווערעביימער בייגט ער צו דער ערד, ווי גראָז...
באַלד אָבער זיי גלײַכן אויס זיך פֿונדאָסנײַ;
ער אַליין, דער ווינט, נאָר איז פֿאַרבײַ.

סענטימענטאַלקײַט

די זיסע דערמאָנונג —
דאָס קריגעלע האָניק
ווערט מער אַלץ פאַרצוקערט,
וואָס עלטער עס ווערט.

די צונג טוט עס בײַסן,
דעם האַלדז טוט עס רײַסן,
ס'ווערט פּריקרע און טרוקן,
ווען זיסקײַט זיך מערט...

געוווינהײַט

עס רײַסט דאָס פערד זיך, ווען דאָס ערשטע מאָל מע שמידט עס —
דער ראַשפּיל רייצט, א ווילדע שרעק באַפאַלט.
נאָר שפּעטער, ווען עס איז א פערד, וואָס שוין געניט איז, —
דעם אַרט ניט מער... ווײ־ווײ, עס איז שוין אַלט!

דערלײַכטערונג...

האָט אין עפּעלע ארײַנבאקומען זיך א וואָרעם.
איז דאָס עפּעלע גאָר רויטער נאָך געוואָרן,
און זײַן אומהוידען זיך אפן ווינט — נאָך פלינקער.
ווי — דער מאמע־צווײַג! געוואָרן איז איר גרינגער...

ערעוו אָנצינד

כאָטש די שוועבעלעך נאָך שלאָפן,
איז די האנט אָבער שוין וואך.
ס'ווארט דאָס שאכטעלע און אָפנס,
טרוקן ליגט די קופּע סכאך...

◆ ◆ ◆

ווילסט געפינען אזא שאָ,
וואָס אין ערגעץ איז ניטאָ?
(ס'טרעפט, ס'קאָן אויך אזוינס געלינגען);
ווי זשע אָבער ועסטו צווינגען,
אז מע זאָל עס גליבן דיר?..

„מאָמענט-מוזיקאַל"

זע, די דעבער ציטערן,
ס'וויגן זיך די שוועלן.
דורך א נעפּל שיטערן
שיטן זיך קאַרעלן...

פּונקט אָט דאָס, וואָס האָט געפעלט,
איז אצינד געקומען.
זאָל געבענטשט זײַן אזא וועלט,
וואָס זשאָנגלירט מיט זונען...

דער גאָלדענער פאָדעם

ווײַסער פערז

ווער דאַרף זיי, די גראַמען,
וואָס פירן צוזאַמען
פאַרשיידענע וועלטן מיט ענלעכן קלאַנג?

אויב ס'איז אויך פאַראַנען
א קויעך אזא מין,
וואָס אויך אָן די גראַמען קאָן שאַפן געזאַנג!

◆ ◆ ◆

און ווען ס׳וואָלטן זײַן טאקע גאָלדענע בערג,
צי וואָלטן זיי זײַן דעמלט גאָלדענע בערג?

זיי וואָלטן געווען דאָך געוויינלעך אזוי,
ווי גרינקײַט פון גראָזן, ווי הימלישער בלוי.

איז וואָס איז פון זוכן א זעלטענע זאך,
אויב שרעקן זיך מוזסטו, ניט זײַן ס׳זאָל א סאך,

אויב דאָס, וואָס געווען איז דיר אָקאָרשט נאָך קנאפּ,
ווערט צופיל, ווייבאלד עס ווערט מער פון א קאפּ?..

געטרוימט האָבן דוירעס פון גאָלדענע בערג,
געשיכטעס פון גאָלדענע רעגנס געהערט,

געאכט נאָר די שעפע, פאראכט דעם קוים־קוים,
געוואָרן דער טרוים איז זײַן אייגענער צוים...

נאָר מיר זײַנען פריקרע די גאָלדענע בערג.
דאָס גאָלדענע פעדעמל האָב איך באמערקט —

דאָס אָדערל דינע, וואָס האָט אזא זין
נאָר דאפקע דערפאר, וואָס עס איז אזוי דין

און דאפקע דערפאר, וואָס עס אומגעזען קריכט —
ווי באָטל, פארלאָרן אין ברעגלאָזן שיכט...

ווען עמעצן עמעסע פרייד איך פארגין,
איך ווינטש אים: דאָס פעדעמל דינסטע געפין!

אפן גרינעם פעלד

כ׳הייב אוף מײַן קאָפּ —

א גרויסער בלויער בלאט פּאפּיר,
קיין קסאוו אף אים,
אינמיטן נאָר — א גאָלדן פּינטל;
און ס׳דאכט זיך מיר,
איך רייד צו זיך און הער מײַן שטים,
ווי האווקען וואָלט
א נאריש אומבאהאָלפן הינטל...

און אָט דאָס הינטל
טוט דאָס אייגן פלייש א ביס;
דאָס בלוט פון בײַסער און געביסענעם
נעמט זידן...
צום ערשטן מאָל
זיך אופגעפּענטעט האָבן מײַנע פיס,
ווי אויבן דאָרט — די זון,
בין אונטן איך אינמיטן!

איך קוק אראָפּ —

א גרויסער גרינער בלאט פאפיר.
צי דען בין איך אף אים
דאָס אלץ פארכאסמענדיקע פינטל?..
ס'דערגייט צו מיר
דעם לעבנס צווײדײַטיקער זין —
די גרויסע עכטקײַט,
וואָס אין גרעסטן שווינדל...

מילך

אזוי סטירעדיק די פערזן
אין דער לעבנס־ליד דער שווערער:
אָט א טאָג — א גוטע שורע,
אָט א נאכט — א שלעכטער גראם.
. . . .

אָוונט־צײַט. פון פעלד זיך קערן
זאטע קי מיט פולע אײַטערס;
דוכט זיך מיר: מײַן ווײַטע קינדהײַט
קומט עס איצט צו מיר אין געסט...

אלע קי — קיין האָר ניט עלטער,
דוכט, דאָס פאסטעכל — דער זעלבער;
מער ניט אלץ ארום איז אנדערש
און אויך איך בין שוין ניט דער...

מרוקען קי און שאָקלען גוידערס,
רינט די סלינע פון די מאָרדעס,
שמעקט מיט מיסט, מיט היי, מיט בענקשאפט,
מיט פארצײַטיקײַט פון צײַט...

און פון טײַך שטײַגט אױף א נעפּל,
טוט די טשערעדע פּארפּלײצן;
און די זעונג־װאָר־דערמאָנונג
ריזלט װארעם, װײַס און זיס...

◆ ◆ ◆

און ווען עס שוין געלינגען זאָל
אראָפּצוציִען פון דער קראָ
איר מאַנטעלע דאָס שווארצע,
צי וואָלט זי ווערן דען דורך דעם
א ווייַסע טויב?

און ווי איז, טאָמער בלייַבט זי פאָרט א קראָ —
א קראָ, וואָס איז דערצו נאָך נאקעט?..

כאדגאדיע

פאר ריווקע רובין

א ציגעלע — כאדגאדיע, א צארטס און ווײַס, ווי קרײַד.
דאָס שטערנדל אָן הערנער, דאָס בערדעלע פון זײַד...

איר אויסגײן זאָלט מעדינעס און זוכן טאָג און נאכט,
וועט איר דאָך ניט געפינען אזא־אָ העלע פראכט!

דער טאטע האָט געקויפט עס אין מארק פאר גילדנס צוויי:
א ליכטיקע מעציִע, וואָס מעקעט אפן היי...

אוועק איז דאָך א שכיטע! און פרעגט: פארוועןְ? פארוואָס?
א נעפעש, וואָס געוווּסט האָט נאָר קרײַטעכצער און גראָז,

געוואָרן איז דער אָנהייב, נאָך וועלכן ס'איז אוועק
א קייט פון ווילדסטן אויסראָט, א טשאטע אומקום־טעג:

דער קאָטער האָט געפרעסן, דאָס פײַער האָט געברענט,
דאָס וואסער האָט פארטרונקען, דער שויכעט האָט פארלענדט,

דער מאלכאמאָוועס גופע איז אויך ארײַן אין קאָן
(ניט יענעם בלויז געהאָלפן, אליין האָט ער געטאָן...)

פונוואַנעט אזא רוגזע, אזויפיל האס און גאל?
אָ, ציגעלע פאַרצוקטעס פון קאָטער לעבן שטאַל,

צי ווייסטו, אַז דער מאַבל פון רישעס און פון בייז,
ווו דו ביסט נאָר דער קאָרבן, גאָר אַף דײַן נאָמען הייסט?..

אָ, ציגעלע — כאַדגאַדיע, לאָז הערן דײַן באַשייד:
פאַר יעטווידן מעכאַבל זײַן אונטערגאַנג איז גרייט,

און מעג ער איצטער מאָרדן, ער ט'אומקומען אַלציינס!
כאַדגאַדיע איז אַ קאָרבן, כאַדגאַדיע איז די טרייסט...

אויב ס'וועט אמאָל...

און ווי וועט זײַן, אויב ס'וועט אמאָל נאָך אויסקומען
צו בענקען נאָכן טאָג,
וואָס הײַנט עס דוכט זיך אויס, ער איז א גרויער,

און אין זיקאָרן אופגיין וועט א בילד,
וואָס כאפּט ארום דאָס הארץ
מיט אזא סימכע־ברענגענדיקן טרויער?

צי דען וועט דאן די פולקײַט פון געפיל
אימשטאנד זײַן צו פארגיטיקן די זינד,
וואָס כ'האָב א טאָג אזא צו שעצן ניט באנומען?

וואָס כ'האָב פארזען א בליִענדיקן הײַנט,
פארײַסנדיק א נאריש אויג
קעסיידער נאָר צו דעם, וואָס וועט ערשט קומען?..

און דארפן האָט מען גאָר געדארפט
ניט קריכן מיט די בליקן ראק פאָרויס,
נאָר קוויקן זיך דערמיט, וואָס ס'איז פאראנען,

ווײַל ווײ, אויב עס וועט מוזן זײַן
אין יענער דין־וועכעזשבן־שאָ א טרייסט
דער טערעץ גרויזאמער: „כ'האָב ניט פארשטאנען"...

צוריקער

זיבן פארלאָשענע מענוירעס,
אײַנגעהילטע אין פּאָרויכעסן ווייטעק,
שטייען אויסגעשטעלט אין מײַן זיקאָרן
און ווארטן אױף א שוועבעלע,
מיט וועלכן מע זאָל זיי ווידער אָנצינדן;
און, ווער ווייסט, עפּשער שטעקן גאָר ניט
אין זיי מער קיין ליכט,
אָדער זיי זײַנען גאָר ניט פֿײִיק מער צו לויכטן?

אפּן אלטן בעסוילעם
האָט דער ווינט פּלוצעם ניט געפונען די מאצייװעס,
אין וועלכע ער פלעגט זיך פארטשעפּען,
און דער בעסוילעם גופע
שטייט אָן זײַן געדער און אָן דעם טויער,
וואָס פלעגן ניט דערלאָזן,
ער זאָל מיט איינמאָל אײַנשלינגען
די גאנצע איידע ייִדן...
וואָס קאָן זײַן שרעקנדיקער
פון א ווארטנדיקן בעסאלמען?
וואָס קאָן זײַן שוידערלעכער
פון א כאָרעװן ביים־האקוואָרעס?

שנירלט זיך פון אן אלטן קוימען א ווײַס רויכעלע...
איז עס די געמיטלעכקײַט פון מײַנע קינדער־יאָרן,
צי (ווײ דער וועלט!) גאָר א נעשאָמע,
וואָס האָט אנטלויפנדיק באהאלטן זיך אין קוימען,
און אזש ביז איצט נאָך ניט געוווּסט,
אז מע מעג שוין זיך באווײַזן אָפן? —
אָפן און ניט נאקעט,
צעווייטעקט, כאָטש אופגעשטאנען טכיִעס־האמייסים...

אָט דאָ איז געווען דאָס הויז —
דאָס ראָזע גרוי־אויסזעענדיקע הויז,
וווּ כ'בין געבאָרן.
אָט דאָ איז געווען דער הויף —
דער שטויביקער, מיט זון־שטויב פולער הויף,
וווּ כ'בין געוואקסן.
ס'איז דאָ דער דאָ,
ס'איז דאָ דער דאָ,
און עס ליגט אף אים אזא וואמפּירישער ניטאָ!

אש...

ווען ס'ברענט אויס אין הארץ דער ווייטעק,
ווו פארבלײַבט דאָס אש?
אש פון מיסט, צי אש פון קווייטן,
אלע אשן — אש...

מעג זײַן, ס'צוימען אונדז פעטישן,
אָבערגלויבן בינדט;
אָבער אש מיט אש צעמישן
איז דאָך פּאָרט א זינד...

צײַט און ווינט דאָס אש צעווייען, —
ווײַס דאָס אש צי שווארץ, —
ווען עס ברענען אויס די ווייען,
וואָס בלײַבט אינעם הארץ?

צווישנצײַט

אין גרויער טוך פון דעמערונג
פארוויקלטע די גאסן.
ניטאָ קיין צײַט באקוועמערע
פאר לעפּישע גרימאסן,
ווי דאן, ווען ס'איז ניט־טאָג, ניט־נאכט,
ניט־פינצטערניש, ניט־העלקײַט —
ווען ס'ארט מער ניט זונס רויטע פּראכט
און ס'גילט לעוואָנעס געלקײַט.

איז אָט דערמאָנט זיך מיר: באטאָג
געטאָן כ'האָב עפּעס גוטעס,
נאָר איצט מײַן הארץ מיר מוסער זאָגט:
„אזא מין זאך, ווער טוט עס?"
און כ'ווייס ניט, צי מע טוט ניט גוטס,
צי איך האָב ניט געטאָן עס...
נאָר צווייפלען אומקלאָרע א טוץ,
ווי נעכטיקע לעוואָנעס,
זיי שטייען פאר די אויגן מיר,
אז ס'ווערט די גרויקײַט גרויער.
כ'דערפיל דעם גליטשיקן באריר
פון צווישנצײַטן־טרויער...

סאָלאָווייִש

אין דעם שויבער פון א ליפּע
הילכט א סאָלאָוויי
וועגן בענקשאַפט, וועגן ליבע,
וועגן פרייד און וויי.

פינטלט, פּאַסיקט זיך דער ניגון,
פּונקט ווי מאָרזע־שריפט;
קנאַקט, ווי קנאַפּעלעך אף שטיגן,
יאָמערט, מוסערט, שטיפט...

דונערס־קאַרליקעלעך — טרעלן
קיצלען לײַב פון נאַכט;
לויפט זי, היפּערט איבער שוועלן,
לאַכט און וויינט, און לאַכט...

א פידל־שפיל פון ערגעץ

א פידל שפּילט — די סטרונעס וויינט,
דערמאָנט מיר ווײַטע יאָרן,
וואָס פערציק יאָר שוין כ׳האָב געמיינט,
אז כ׳האָב זיי אָנגעוואָרן...

דער פידל וויינט — אָט ער גייט אויס
פארסירעפּט און צעצויגן.
דוכט, די נעשאָמע פון א הויז
איז עם ארויסגעפלויגן,

און ווי א הוילער צאָן בלײַבט שטיין
די שטאָט אָן פידלס וויינען;
די גאס — אליין און איך — אליין,
א גאנצע וועלט — אליינען...

געהערט כ׳האָב פאר די פערציק יאָר
די בעסטע, דוכט זיך, פידלער,
נאָר פּלוצעם איצט מיר דוכט זיך גאָר,
אז אָט דער לאקריץ־לידלער,

נאָר ער אליין מיט זײַן געוויין,
מיט זײַן געשמאקלאָז קלאָגן

פאַרמאָגט דעם שלימעסדיקסטן כיין,
האָט סאמע שיינס צו זאָגן.

און כאָטש ס׳איז ציִעוודיק זײַן כליפּ —
אי לאַקריצדיק, אי גליטשיק,
איז ער מיר אַזוי פֿײַנלעך ליב —
מײַן קינדהײַט גלעט זײַן סמיטשיק...

אן אלטער ניגון

אן אלטן ניגון האָט געבראַכט דער ווינט.
האָב איך דערפילט זיך, ווי אַמאָל, א קינד,
דערזען, וואָס שוין פאַרגעסן כ'האָב געהאַט
אין יאָרן פון פאַרהאַוועטקייט און נאַווענאַד.

דערזען זיך ווידעראַמאָל האָב איך דאָרט,
ווו איך אַרויסגעבראַכט האָב ס'ערשטע וואָרט —
דאָרט, ווו צום ערשטן מאָל איך האָב באַמערקט,
אַז עס איז בלוי דער הימל, ברוין — די ערד...

אן אלטן ניגון האָט דער ווינט געבראַכט —
אן אויסגעפּייַפטן אין א קוימען באַדערנאַכט.
ניטאָ איז מער דער קוימען!.. און דער ווינט
אים אין א ווינקעלע פון מייַן געדעכעניש געפינט...

וואָס טוט מען מיטן ניגון פון אַמאָל,
וואָס קלינגט הייַנט, ווי אן איבערגעקרימט קאָל?
אן אלטער ניגון בא א יונגן ווינט...
איז צוצוהערן זיך צו אים דען ניט א זינד?

בראנד

מיר דוכט, דער רויך איז ניט צופרידן מיטן פלאַם.
אַניט, פאַרוואָס אַנטלויפט ער?
און נאָך וווּהין?
פאַרגיין, פאַרשווינדן — ווערן אויס!

נאָר אויך דער פלאַם איז ניט צופרידן מיטן רויך.
ער קאַעסט זיך:
ווי קאָן עס זײַן, ס'זאָל פון זײַן ליכטיקייט
אַזאַ־אַ שוואַרצקייט שפּאַרן?

דער פלאַם איז ניט צופרידן,
דער רויך איז ניט צופרידן.
טאָ ווער זשע איז צופרידן?
דאָס האָלץ?..

צווײ ציגעלעך

יאנקעוו שטערנבערגן

איז געקומען דאָס ציגעלע פֿונעם כאדגאדיע
צו דעם ציגעלע פֿונעם אכרים־האיאָמים
און האָט זיך בלוטיק צעמעקעט:
„אוי, שוועסטערל, אוי,
ווײ, צארטינקע, ווײ,
גלייב ניט, הארציקע, דעם נאָווי!
אויב מיך האָט געקאָנט א קאָטער פֿארצוקן,
וויאזוי קאָנסטו טרויען א טיגער?״

האָט באשמעקט דאָס ציגעלע פֿונעם אכרים־האיאָמים
דאָס פֿארבלוטיקטע פֿעלעכל פֿון ציגעלע פֿונעם כאדגאדיע,
האָט זיך דערשראָקן, געוואָרן נאָך ווײַסער, ווי געווען,
און האָט גענומען שטאמלען:
„און די שעפּס, זאָג מיר, מיטן וואָלף ווי הויזט?
און די קאלב מיטן יונגן לייב ווי ליגט?
און דאָס ייִנגעלע — דער מענטש, וואָס איז נאָך ניט פֿארדאָרבן, —
פֿירט דען ניט אָן? גיט דען ניט אכטונג?״

האָט שוין א שפּרונג געטאָן דאָס ציגעלע פֿונעם כאדגאדיע
און מיט זײַן ביז הײַנט נאָך רינענדיקן בלוט

פֿאַרשפּריצט דאָס ציגעלע פֿונעם אַכריס־האיאָמים:
„גליב, נאַרישע ציג, גליב דער נעוווּע!
דאָס יינגעלע וועט אויסוואַקסן און וועט פֿאַרגעסן גאָר,
אַז עס געהער צו דער זעונג.
און ער, דער טיגער, מיט וועלכן דו לאַשטשעסט זיך אַצינד,
וועט דאַן הערן דעם נאָווי, פּונקט ווי דער קאָטער...‟

„פּאַסטאָראַלע“

גוואַלדעוועט אַ פּײַפּיאָל —
דרעלט דעם באַרג און שווענקט דעם טאָל
מיט אַ ליד וועגן אַ פּאַסטעכל,
וואָס האָט זײַן שעפּעלע פאַרלאָרן —
לאָרן־לאָרן־לאָרן־לאָרן...

איבער שטיינער, איבער גראָז
ריזלט מענטשלעכער פאַרדראָס,
און דער אומראַכמאָנעם רײַסט —
אַ בוהײַיִשער צעווילדעוועטער האָרן —
האָרן־האָרן־האָרן־האָרן...

ס׳איז די ליד שוין טאַקע אַלט,
ווי דאָס פעלד און ווי דער וואַלד,
ווי די אומגליקלעכע פּאַסטעכער,
וואָס ניט דערהערט בלײַבט זייער רופן —
רופן־רופן־רופן־רופן...

יאָמערט, שלוכצט די נישטער־ליד,
און די וועלף ווערן ניט מיד

פרישע יונגע לעבנס
צו פארזוכן —
זוכן־זוכן־זוכן־זוכן...

שיט, שיט אָן דער פּײַפּיאָל
בערג פון טרערן אינעם טאָל,
מיינענדיק, אז ער פארשיט אזוי
די, וואָס פארצוקן —
צוקן־צוקן־צוקן־צוקן...

און דאָס לעבן פליסט און פליסט —
פאסטעך וויינט און וואָלף געניסט,
דאָך אן אײַזן־פּרענט
איז גרייט שוין פאר זײַן רוקן...

דער קלאַוויר

ליגן דאָ עס מײַנע טעג און נעכט,
אויסגעלייגטע אין איין רײי
אין אַזאַ מעשונעדיקן סיידער?

יעדער טאָג פֿאַרמאָגט זײַן שטים,
יעדע נאַכט — איר אייגן קאָל;
אַלע קלאַנגען — שכיינעסדיקע,
קרוייווישע, ניט־זעלבע...

כאַפּ אַ טאָג איך פֿון איין ברעג
און באַגלייט אים מיט צוויי נעכט.
נעם דערנאָך אַ ווײַטע נאַכט
און איך טו זי
מיט אַ מאַכנע טעג פֿאַרהילכן;
כאַפּט זיך אויף אַ מאָדנע וועלט,
ווי געריירט וואָלט זיך דאָס אײַז
און אוועק עס וואָלט דער טײַך פֿון לעבן...

שוימט די דורכגעמישטע צײַט —
אומעכטער מעסלעסן־בײַט,
דאָך דאָס לעבן, ווען צערודערט ס'ווערט,
איז, דוכט, נאָך מער נאַטירלעך...

טאָג און נאכט —
נ אָ ר טאָג און נאכט,
און אזויפיל ווערט פון זיי געמאכט,
ביז עס פאלט אראָפּ דער שווארצער דעק
און האקט אלץ איבער...

פייגל...

אקעגן טיר פון קיך עס פּיקן פייגל —
א טויב, א קראָ, א שפּערעלע, א הון.
איך קוק און קוק און ווייס ניט, וואָס זיי מער פאַרייניקט:
די פייגלשע געשטאַלט אָדער דאָס ווען עסן...

די הון כאַפּט אומגעלומפּערט שווער — לויפט, לויפט און דאָך
פאַרשפּעטיקט.
דאָס שפּערעלע, ניט קלאָר, עס טענצלט נאָר צי אויך עס עסט?
די טויב, איר יעדן פּיק באַוויליקט מיט א שאָקל פונעם קעפּל.
די קראָ, כאָטש אַלע שרעקן זיך פאַר איר, ניט נעמט, נאָר גאַנווערט...

און אָט א קאָטער האָט א שפּרונג אַראָפּ געטאָן צו זיי אינמיטן;
צעפלויגן זײַנען זיך די קראָ, דאָס שפּערעלע, די טויב.
דער קאָטער דרייט באַזאַכט זײַן עק, באַשמעקט אָן טאָם די קערנער,
און ס'שטייט דערבײַ די הון און ווײַטער פּיקט...

דער אלטער הונט

דער אלטער הונט, וואָס דרעמלט אפן הויף,
וואָלט בילן אף דער זון, ווען ער זאָל האָבן קויעך...
זי וואַרעמט אים, איר יעדער שטראַל דערמאָנט,
און יעטווידע דערמאָנונג איז א זלידנע פליג,
וואָס זויגט זיך איַין אין ערטער,
וווּ די פעל געפּלאַצט איז...

געווען עס זיַינען טעג —
ס'האָט יעדע קאַץ אים אופגעקאָכט זיַין בלוט,
אין יעדן מענטש געזען האָט ער אַזאַ,
וואָס האָדעוועט אַן אַנדער הונט,
און יעדער דורכגייער געריַיצט האָט אים,
לעמיַי ער איז נאָך ניט צעביסן...

איצט איז ער גליַיכגילטיק צו אַלץ,
די פעטסטע מאַרך־ביינער האָבן א טאַם פון האָלץ...
עס אַרט אים ניט אפילע אויך דער באַלעבאָס!
ליגט ער אַן אויסגעצויגענער קעגן דער זון
און גענעצט, ווען ס'פאַרגלוסט זיך בילן...

דער עווער

כ׳האָב ליב מײַן האר דעם גרויזאמען,
זײַן צאָרנדיק געוויטערן.
כ׳האָב ליב פאר אים צו בוקן זיך
און פאר זײַן בליק צו ציטערן.

איך האָב באם הונט געלערנט זיך,
ווי אָן א מאָס געטרײַ צו זײַן.
נאָך זעקס יאָר אונטערטעניקײַט
וואָלט מיר א לאסט זײַן פרײַ צו זײַן!

מײַן אויער דורכגעשטאָכן איז —
די אָל מיך צום הארם טיר באהעפט.
ווער ס׳גייט פארבײַ, פארורטיילט מיך,
נאָר מיך דאָס טאדל־וואָרט ניט פלעפט!

פארבײַ וועלן די דרײַ מעסלעס,
מע ט׳אופהערן באשפײַען מיך,
און איך וועל ווײַטער זײַן מײַן הארס,
און פרײַ זײַן פון באפרײַען זיך.

מיר ווידעראמאָל הייסן גיין
ט'ניט קומען אפֿן זינען אים,
און שוין דאָס גאַנצע לעבן מײַנס
כ'וועל, ווי דער קעמל, דינען אים!

שווער...

שווער דעם בער,
שווער דעם בער.
שווער — די פעל, די לאפּעס — שווער.
האָט ער מער ניט איין באגער:
ארויסברומען פון זיך די שווערקייט...

ברומט ער, ברומט זיך ניט ארויס.
שטומט ער, שטומט זיך אים ניט אויס.
פאלט אים איין זי אויסצוטרייסלען;
נעמט ער אונטערשפּרינגען, האָפּסן,
פרייכנדיק די לאפּעס פלעכט ער...

ווערט ארום א ווילד געלעכטער:
גאָרגלדיק כיכיקען אייזלען,
עס פארקייכן זיך די צאפּעס,
טעמפּע שווערמוטיקע אָקסן
הירזשען, ווי די יונגע שקאפּעס...

ווערט דעם בער,
ווערט דעם בער
שווערער נאָך, ווי ביז אהער.

דער ארבעטס־אָקס

צאָב! צאָבע!
צאָב! צאָבע!
און די בײַטש שפּרינגט אױף די ריפּן,
װי א שלאנג אונטער די טלאָען...
מעג עס ברױען, מעג עס שמארצן,
לאנגזאם, לאנגזאם טו איך טרעטן...
װײַטעק טאָר ניט אונטערטרײַבן,
רױק מוז מען אים פארטראָגן,
ס'איז ניטאָ װוּהין צו אײַלן,
פרײד איז סײַװי ניט פאראן!

צי איך צי א פולן װאָגן,
צי איך שלעפּ אן אקער־אײַזן,
צי איך קנעט די ליים אין גריבער,
צי א מילראָד־שטאנג איך דרײ,
טאָמיד שטײט פאר מײַנע אױגן
גרױע גלײװערדיקע פּוסטקײַט.
לאסט און עלנט, װי צװײ הערנער,
שטעכן דורך מײַן יעדן טאָג...

און פארנאכט — באם פולן צעבער,
װען דער קאָפּ אינעם געטראנק זינקט,

ס׳ציִען זיך די פּעדעם סלינע
און דער בויך ווערט פול און גרינג,
כאַפּט נאָך מער ארום אן אומעט...
הונגעריק איז שלעכט,
און זאַט — נאָך ערגער!

ליג איך און בין מאלעגיירע
היי פון מאָגן, בילדער פון זיקאָרן.
ביידע זאכן — אָן א טאַם...
אָ, ווען איך אמאָל זאָל קענען,
ווי א קאלב, דעם עק פארייַסן,
ווי א קו, מיט ליבע מרוקען,
ווילדעווען, ווי דער בוהיַי,
וואָלט איך דאן מייַן יאָך צעבראָכן
און מייַן באלעבאָס דערשטאָכן,
דאָך ס׳איז אלץ מיר פרעמד און נימעס,
רויִק פליסן מייַנע בלוטן;
און אמאָל אויב איך פארבענק זיך,
איז עס בענקען נאָך א בענקשאפט...

צאָב! צאָבע!
צאָב! צאָבע!
ס׳ארט מיך ניט — אהין, אהער...
היי איז זיסער? שטרוי איז אויך גוט!
ס׳איז אלציינס מיר: גראָז צי שאָלעכץ,
כ׳גיי אין שפאַן, אין יאָך פארקלאמערט,
קיין זאך לעכץ איך, גאָרנישט זוך איך,
איין זאך וויל איך: גאָרנישט וועלן.
ווער דארף קי? ווער בענקט נאָך קעלבער?
בענקשאפט — שטעכלקעס אין הארץ...

כ׳בין ניט מער דאָס פלינקע קעלבל —
דאָס אָנהאָרנדיקע עקסל,

וואָס טוט לויפן און טוט שפּרינגען,
ביז מע שנײַדט דעם אויס די פרייד...
כ׳בין אויך ניט דער אָקס פון סטאַדע
מיט צעווילדעוועטע בליקן,
מיט צעבושעוועטן אָטעם,
וואָס לויפט נאָך נאָך יעדער קו...

ווען עס דולן ניט די בלוטן,
ווען דאָס אויג איז ניט פאַרלאָפן,
זעט מען אַלצדינג קלאָר, ווי איך זע,
פילט מען אַלצדינג קאַלט, ווי איך פיל,
טרעט מען לאַנגזאַם, ווי געמאָסטן,
טראָגט מען פּײַן איבער פּאַמעלעך.
אַלץ איז נישט און אַלץ איז נישטיק —
ס׳פעלט די פרייד פון קענען נאַרן זיך...

גאס־עלעגיע

אױף טומלדיקער גאס, באַם סאַמע טראָטואַר,
פּונקט װי אַ שעמעװדיקער פרעמדער
אין אַ פרײלעכער געזעלשאַפט —
אַ פערד־און־װאָגן גאָר...
אַקעגן גײַװעדיקע אױטאָקאַרן,
אַקעגן כוצפּעדיקע מאָטאָציקלען
און עלנטער, און אײנזאַמער,
אַ שױן פון לאַנג ניט־היגער,
עס קלאַפּט דער פּולס
פון מײַן פאַרשאַלטער קינדהײַט:
אױס!
אױס!
אױס!
אױס!

פונװאַנען קומט עס איצט אַהער?
װוּ שטעקט זײַן שטאַל?
און װער באַדאַרף עס הײַנט,
װען שױן פון לאַנג
עס האָט זיך אָפּגעטאָן זײַן גאַרלעס?..
דער רוקן — גלאַט,

דער זאָדעק — קײַלעכדיק און פֿול,
די לעבעדיקע אויגן — טריב
קעגן די טויטע גלאַנצנדיקע אווטאָ־פֿארעס...
אוים!
אוים!
אוים!
אוים!

דער וועג איז ווייך און שטײַף,
דער וועג איז גלײַך און גלאַט —
קיין שטיין, קיין דאָרן און קיין זומפּ —
די קאָפּעטעס זײַנען זיך אזש מעכײַע:
עס לויפֿט זיך גרינג,
דער כאָמעט האָצקעט זיך, דער וואָגן שווימט,
און עס באַגלייטן זיי, ווי קראָען:
נײַגער, מיטגעפֿיל און כוויזעק...
אוים!
אוים!
אוים!
אוים!

אזויפֿיל וואַרעמקײַט
אין ווײַסן אָטעם פֿונעם פערד,
אזא געמיטלעכקײַט
אין ברייטן פּאָכע פֿון זײַן עק,
נאָר עפּעס כאַפּט עס אָן און ווערגט דאָס האַרץ,
שיט נאָדלען אָן אינעם צערודערטן געמיט...
די טומלדיקע ברייטע גאַס
ווערט פּלוצעם שרעקלעך בלייך
און, ווי א שוואַרצע זון, הענגט איבער איר
דאָס גרויסע מאָנענדיקע פערדן־אויג —
די פּײַכטע, סאַמעטענע, שוואַרצע טײַנע:

„דער לעצטער זייַן איז גרויזאם שווער,
אריבערלעבן אלעמען — הייסט איבערלעבן זיך אליין!"

אוים?
אוים?
אוים?
אוים?

אוים!..

דער זינד־באָק

דער שווער־באַוואוסטער,
דער אומגליקלעכער סאַיר־לעאַזאַזל
מיט הערנער, וועלכע שטעכן,
דוכט, גאָר אינעווייניק — אינעם קאָפּ,
געוואָרן איז אוועקגענומען
פונעם אומלויפן און צופּן גראָזן.
א באָק, א באָק —
אן אומגליקלעכער, אומשולדיקער באָק!

ער האָט א שטילע ציג
מיט ראָזלעכע אניוועסדיקע אויגן,
ער האָט צוויי ווײַסע צאַפּעקלעך,
וואָס נאָך די פּלאַטערלעך זיי שפּרינגען נאָך.
צו וואָס איז עס אים אלץ?
צו וואָס האָט ער זײַן מאַמעס זיסע מילך געזויגן,
דער באָק, דער באָק —
דער אומגליקלעכער, אומשולדיקער באָק?..

געקומען איז א סיווער מאַן
אין אויסטערלישע באַצירטע ווײַסע בגאָדים,
ארופגעלייגט א האַנט אים אויף די הערנער

און געמורמלט, און געגלאָצט.
געווען איז שווער די האנט
און ווי מיט שטעכלקעס באלאָדן...
א באָק, א באָק —
אן אומגליקלעכער, אומשולדיקער באָק!

אומזיסט־אומנישט פון שפּיץ פון פעלדז
אראָפּגעשטופּט צו ווערן
אין אָפּגרונט, ווו אפילע א היִענע אויך
דעם טויטן קערפּער ניט געפינט...
אָ, ווייסט איז דעם,
וואָס אף זײַן גורל פאלט אוים די באשערונג,
ער זאָל צעשמעטערט און צעריסן ווערן
מיט די פרעמדע זינד!

א באָק, א באָק —
אן אומגליקלעכער, אומשולדיקער באָק...

אין גלופּסק באַנאַכט...

אין גלופּסק באַנאַכט. עס עפנט זיך די טיר פון באָד,
און פישקע הינקט אַרויס, ווי אײַנגעדרייט אינדרײַען;
עס שלאָפט די ייִדישע קאַפּצאָנים־שטאָט
אַ מידע פונעם דאַוונען און באַטלאָנעסדיקע פּלוידערײַען.

איבער די בלאָטעס באַלעוואָנעטע פון ברוק,
איבערן קויט, וואָס ליגט אין זײַט פון גאַס, אָנשטאָט אַ לאַווע,
זײַן קרומער גוף טוט זיך אַ וואָרף, אַ צוק, אַ רוק...
זײַן גאַנג, כאָטש אַ צעבראָכענער, איז האָפּערדיק און זשוואַווע.

אויב ניט באַטאָג, איז באַדערנאַכט כאָטש גײן,
אויב ניט די זון, איז כאָטש אין שײַן פון דער לעוואָנע!
אַ גאַנצן טאָג געקלעמט צעווישן דאַמף און שטײן,
איצט מאַכט ער אויף דער שײנקײַט פון די בלאָטעס „שעכעיאָנע".

דאָס לײַב פאַרקריפּלטע אין שמאַטעס אײַנגעהילט,
דער גאַנג צעבראָכענער, מעגושעמדיקער, קרומער,
זײ שטערן ניט דעם האַרץ, וואָס פילט,
אַז איבער בלאָטעס שוועבט אַ ווינטעלע פון זומער.

אין גלופּסק באַנאַכט. די שטאָט איז פּוסט,
עס שלאָפט שוין לאַנג אין ענגע אַלקערלעך די מידע ייִדע.
אין גאַס: נאָר פישקע מיט זײַן שווערן טראָט און הוסט,
און ס׳זעט אים די לעוואָנע נאָר און מענדעלע דער זיידע...

. . . .

אין גלופּסק באַנאַכט. פאַרגאַנגען יעדע שײַן,
לעוואָנע — הינטער וואָלקנס, ווי פאַרשמוצטע שטיקער וואַטע,
און ס'קוקט אין דער געדיכטער פינצטערניש אַרײַן
מיט אויגן גלאַנצנדיקע ביילע די האָרבאַטע.

זי זיצט זיך אויפן גאַנעק און זי טראַכט,
ווי עלנט ס'איז איר לעבן און ווי גרויזאַם פּײַנלעך.
דאָך צו איר האַרץ ניטאָ קיין צוטריט פאַר דער נאַכט,
ווײַל ס'האָפּט דאָס האַרץ: עס איז נאָך גליק וואַרשײַנלעך.

זי ווייסט עס גוט: פאַראַן איז אַ געפיל,
וואָס ליגט אין טיפעניש פון לײַדנדיקן לײַב פאַרבאָרגן,
וואָס אים אַדאַנק איז יעדע פּײַן אַ שפּיל,
און בייזסטער הײַנט געבוירן קאָן אַ גוטן מאָרגן.

יאָ, זי איז אויסגעמאַטערט, אָרעם, שוואַך און בלייך,
און שווער אַזוי צו טראָגן איז דעם וויסטן הויקער;
נאָר אָט באַמערקט זי שטערן אין דער הייך —
„ס'איז פישקעס בליק!" — טוט אינעם האַרץ אַ פּויק איר...

און ווידער פול די שטאָט איז מיט לעוואָנע־שײַן,
און אין דער אויסגעלײַטערטקײַט זיי זיצן אויף דער פריזבעביידע;
זיי בליקן איינס אין צווייטנס פּײַן אַרײַן,
און ס'זעט זיי די לעוואָנע נאָר און מענדעלע דער זיידע...

. . . .

אין גלופּסק באַנאַכט און אַלץ איז שטיל,
פאַרגליווערט אין לעוואָנע־שײַן די שטאָטישע געענגטע האָריזאָנטן.
נאָר פּלוצעם קומט אַ שאַרף געררויש, ווי ס'מאָלן פון אַ מיל, —
דאָס ראָלט אויף זײַן געזעמס־וועגעלע יאָנטל.

ער, יאָנטל דער אָנפּיסיקער, איז וואַך הײַנט שפּעט;
ער איז — מיט גליק — דאָך הײַנט געוואָרן אַ „כאָליערע־כאָסן",

איז פּלוצעם נימעם אים זײַן אַלטבאַכעריש בעט,
האָט ער אינמיטן נאַכט זיך דורכפּאָרן באַשלאָסן:

ארויס פון העקדעש־ענגשאפּט אף דער פרײַ,
א יאָג געטאָן איבער די גלופּסקער ברוקן.
ער הערט זײַן רעדלעך־סקריפּ, ווי פייגל־צוויטשערײַ,
ער אָטעמט טיף, גלײַכט אויס זײַן אָפּגעלעגענעם, פאַרשטײַפטן רוקן:

ווי וווּנדערלעך, ווי שיין איז זי, די וועלט.
מע זאָל נאָר לאָזן, וואָלט פאַר יעדן מענטש זײַן פרייד דאָ.
ער פאָרט אף זײַן געזעם־וועגל און קוועלט,
און ס׳זעט אים די לעוואָנע נאָר און מענדעלע דער זיידע...

. . . .

אין גלופּסק באַנאַכט... געדיכטער שלאָף
פאַרנומען האָט די פּריזבעס, גאַנעקעס און כאַטעס.
עס כראָפּען לאַנגזאַם־יוסט דער שויכעט און דער ראָוו,
און ס׳פּײַפן אונטער אײַליק אויסגעהאָרעוועטע טאַטעס.

א טאַקיף זעט אין כאַלעם רענדלעך גאָלד,
אין פּאָליש יאָגט מען מיט א ליכט זיך נאָך אַנטלויפנדיקע וואַנצן,
א פרומע יידענע האָט אין איר כאַלעם זיך פאַרוואָלט
אף איר מיזינקעס כאַסענע א „שערל" טאַנצן,

און הינטער לאָדנס בא א גרויסן, שווערן טיש
עס לייענט פּיאַווקין דעם באַלטאַקסע פאַר א נידערטרעכטיקע
מעסירע;

זײַן קאָל שאַלשעלעסדיק, און בוימלדיק, און זיס,
נאָך יעדן זאַץ ער טוט די ציינדעלעך א שטשירע:

— נו, ווי, רעב יאָסל, האַ?.. ס׳איז, דוכט זיך, קלאָר?
— און נאָך א מין!.. איר קענט, רעב רווון, א „דאָנאָסל" שרײַבן,
ס׳איז איטלעך וואָרט — אף מיר שוין אזא יאָר,
נישקאָשע, ס׳וועט זײַן ווײַב שוין אן אגונע בלײַבן!..

זיי לענען אָן זיך נאכעסדיק צעשטראלט,
זיי זײַנען זיכער: קיינער ווייסט עס ניט, אבוץ זיי ביידן.
נאָר דורך שפּארונעס פונעם לאָדן אף זיי פאלט
דער בליק פון דער לעוואָנע און פון מענדעלע דעם זיידן...

. . . .

אין גלופּסק באנאכט. עס קומט א ווינט און טראָגט א וואָלקן אָן —
א טריבן וואָלקן, ווי א גרויסע, שווארצע טאָרבע.
די טאָרבע שפּרייט זיך אפן הימל, ווי א פאָן —
די שאנדע־פאָן פון מענטש, וואָס איז דעם אומרעכטס קאָרבן,

און באלד זי טוט דעם גאנצן הימל א פארצי,
און די לעוואָנע זינקט ארײַן אין אירע טיפן.
עס איז אין גלופּסק נאָך ווײַטלעך צו דעם אינדערפרי,
און ס'קאָן די נאכט די פינצטערע אן אומגעשטערטע שטיפן...

איז טוען זיך פון יעדן הויז און אלקערל א שאָט,
אָנשטאָט די ייִדן, זייערע פארשמאָלצענע און דורכגעשווייסטע
טאָרבעס.
און באלד ווערט פול די גאנצע, גאנצע שטאָט
מיט זיי — די שפּײַזערנס פון בעלעמס און פון האָרבעס...

עס דרייען טאָרבעס זיך א ווייסטן קאראהאָד,
זיי טאנצן „בייגעלעך", „מאיאָפּיסלעך" און „סטירדעס",
זיי פאלן „קוירים", בוקן זיך און בעטן גנאָד,
פארשטיקט בא זיך אין בויך דאָס לעצטע ביסל ווירדע...

נאָר אָט, אינמיטן גאנצן פינצטערן „ווײַהי",
ווי צוויַעס, כוישעך, טאָרבעס פרעסן אוף די איידע,
עס טוט א קלוגער, כריפּעסדיקער בליק א גלי —
עס ווארפט אף זיי זיך מיט זײַן פעץ־שפּיז מענדעלע דער זיידע!..

פּאָעמעס

מאיאָר קלאָד איזערלי*

1. אמאָל

אמאָל, מיט דרײַסיק יאָר צוריק, אין טעקסאס,
געלערנט האָט ער אין דער שול די ביבל.
געווען זײַנען די טעג א ראָזע פאָרשפּיל
צום לעבן, וואָס האָט צוגעזאָגט זײַן העל.

אין בוך דעם אײַנגעבונדענעם אין לעדער,
וואָס פון זײַן טאָוול קוקט אראָפּ א ציילעם
און וואָס די ווײַסע שטײַפע בלעטער זײַנע
באַזוימט זײַנען מיט גלאַנצנדיקן גאָלד,

האָט ער געלייענט אויסטערלישע זאכן —
געשיכטעס, דורכגעפלאָכטענע מיט ניסים,
דערציילונגען, וואָס צינדן אָן דעם דימיען
און פירן אין א וווּנדער־וועלט אוועק.

---

* דער מאיאָר פון דער אמעריקאנער ארמיי קלאָד איזערלי, וואָס האָט אראָפּ־געוואָרפן די אטאָם־באָמבע אף כיראָסימע, איז אראָפּ פון זינען.

געלייענט האָט ער וועגן בוים פון לעבן,
געלייענט האָט ער וועגן נויעכס קאסטן,
געלייענט האָט ער וועגן באָוולס טורעם,
געלייענט וועגן פּארעס דארע קי.

דערצו נאָך זײַנען צוגעקומען בילדער,
וואָס בלײַבן אין גדעכעניש אױף אייביק:
א שלאקסרעגן פון שוועבל און פון פײַער,
און סדוים גייט אונטער אין א יאם פון פלאם...

2. אין מידבער ניו־מעקסיקאָ

אין ניו־מעקסיקאָ,
אין ניו־מעקסיקאָ —
אינעם קאנט, וואָס הארב און וויסט,
וואקסן קאקטוסן,
וואקסן קאקטוסן —
סאמע עלנטער געוויקס.

אלץ איז אויסגעדארט,
אלץ איז אײַנגעדארט,
זאמד און הימל זײַנען פרעמד;
און א זוכעניש,
און א זוכעניש
אלע מארך־צעלן פארנעמט.

אינעם מידבער־קאנט —
קווארן מידבער־לאנד
עפּעס, עפּעס קומט דאָרט פאָר!
עפּעס האוועט מען,
עפּעס פּראוועט מען
אזש פון פרײַקן קאיאָר...

אין ניו־מעקסיקאָ,
אין ניו־מעקסיקאָ
עפּעס גרייט זיך פאַר דער וועלט.
ס׳זיינען קאַקטוסן
ניט קיין קאַקטוסן,
דאָס האָבן מענטשן זיך פאַרשטעלט...

3. די אנטדעקונג

אין לאָס־אַלאַמאָס דער אָוונט
ווערט אין שוואַרצער נאַכט פאַרוואַנדלט.
אַ פאַרכאַלעשטע לעוואָנע
צווישן גרויע וואָלקנס וואַנדלט.

ס׳איז די שטאָט אין שלאָף פאַרזונקען,
מער ניט צוויי־דריי פענצטער גליִען.
ס׳פּינקלען פריידיק אויגן־פונקען,
טעלעפאָנאָגראַמעס פליִען...

„דאָס געזוכטע איז געפונען"
לויפט אַ בסורע איבער דראָטן.
ס׳איז אַ גרויסע נאַכט געקומען,
דאָס פאַרטראַכטע איז געראָטן:

מענטש אין האַנט אַ קראַפט וועט האַלטן,
וואָס אויך די נאַטור האָט זעלטן;
מע וועט קליינעם אטאָם שפּאַלטן
און מיט אים צעשפּאַלטן וועלטן...

4. ערעוו...

א טאָג מיט אַלע זומערדיקע כּיינען —
א טאָג, ווי א צעבליטע ווײַסע ליליע,
און ס'טראָגט זיך איבער טאָלן, בערג און פּליינען
א שווערע סוידעספּולע עסקאַדריליע...

זיך אופגעהויבן ערגעץ אין די שטאַטן,
אוועקגעלאָזן זיך צום מיזרעך ווײַטן.
ווי געסט, וואָס קיינער האָט זיי ניט געלאַדן,
זיי קוקן זיך ארום אף אַלע זײַטן...

„זײַן פּאַרזיכטיק!.. זיך מער פון טאָמיד היטן!..
לאַווירן, ווי א סאַרוועד, וואָס טראָגט טעלער!
אַזוינס, וואָס הייסן מעג: צען טויזנט דינאַמיטן,
קאָן פרײַ ווערן פון אײַער קלענסטן פעלער!..״

אַזוי געווען איז דער באַפעל דער שטרענגער,
און זיי היינט דעם באַפעל באַזונדערם פאָלגן:
מע היט זיך פליִען אין א נאָ'נטקײַט ענגער,
מע היט זיך אַנצורירן אָן א וואָלקן...

דער וועג גייט איבער פעלדער, איבער טײַכן,
פון דאָרט — איבער דעם אָקעאַן דעם שטילן,
אַרכיפּעלאַגן קומען און זיי ווײַכן,
די שטראַלן בריִען, די מוסאָנען קילן...

אף אינדזלען, ריפן, בוכטעס און ווולקאַנען —
דער זומער־טאָג, ווי א צעבליטע ליליע,
און ס'טראָגט זיך איבער די מערידיִאַנען
א שווערע סוידעספּולע עסקאַדריליע...

זי טראָגט זיך, און עס פאלן אירע שאָטנס,
ווי שווארצע שטריכן, וועלכע שטרײַכן איבער
מיט עפּעס גרוילִיקס, זינדיקס און פארבאָטנס
די וועלט, וואָס ענדיקט בײַקומען איר פיבער...

און אף ווײַטמיזרעכדיקע פּאָליגאָנען
עס ווערן רוּיִק די פּראָפּעלערס, הערט זיך,
ס'איז ערעוו בייז, וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען,
ס'איז אָנהייב אווגוסט נײַנצן פינף און פערציק...

5. „B־29“

„B“ — אן אָס, נאָך אים: צוויי ציפער,
„בע־נײַן און צוואנציק“.

אויסראָטונג האָט אויך א שיפער —
„בע־נײַן און צוואנציק“.

שווערער סופערבאָמבארדירער
„בע־נײַן און צוואנציק“

ווערט דעם כורבנס אונטערפירער.
„בע־נײַן און צוואנציק“...

בלײַבן וועט אין וועלטס אנאלן
„בע־נײַן און צוואנציק“.

כיראָסימע איז באפאלן —
„בע־נײַן און צוואנציק“.

נאגאסאקי האָט צעקאָדערט
„בע־נײַן און צוואנציק“.

ס'האָט געבראכט דעם טויט אין יאָדער
„בע־נײַן און צוואנציק“...

6. א זומער־טאָג

עס גליווערט די שטאָט אין פאַרטאָגיקער רו.
דער זומער־באַגינען האַנאָע זאָגט צו.

ס׳איז וואַרעם און ליכטיק, עס פּליעסקעט דער יאַם,
ווי אויסקלאַפּן טאַקט וואָלט א גרויסער טאַם־טאַם...

די שטאָט די פאַרשלאָפענע גיט זיך א ריר —
עס טוען זיך עפענען טיר נאָך א טיר.

ס׳נעמטווימלען אין הויפן, אין גאַס — א גערויש
פון מענטשן, פון פורן מיט קאַסטן און קויש.

דער זומער־פרימאָרגן איז צווייפאַכיק העל —
ס׳איז העל אין די אויגן און העל אַף דער זעל.

די פרײַיקע, מונטערע זוניקע שאָ
הילט אײַן איטלעך הויז אין א גאָלד־קימאָנאָ...

אַלץ רײַפער און רײַפער צעוואַקסט זיך דער טאָג.
פון ווערף קומט א טומלדיק האַמער־געשלאָג,

שטיקט צו אים א ביסעלע די שושקערײַ
פון הונדערטער וועבשטולן אין וועבערײַ...

סע שפּילן זיך קינדער אין יעטווידן הויף —
געדראַנג און געפּילדער און זאָרגלאָזער לויף...

מיט שטעקעלעך באַמבוק אַף בערגעלעך זאַמד
מע בויט און מע מײַסטרעוועט, און מע פאַרצאַמט.

און פּלוצעם א מיידעלע פון א יאָר פיר
טוט הענטעלעךביידע צום הימל א פיר,

קוקט צו זיך דאָס יִינגל, וואָס שפּילט זיך דערבײַ,
דערזעט ער, עס רוקן זיך פינטעלעך דרײַ;

שפּרינגט אוף ער, צעטאַנצט זיך, באַווײַזט אף דער הויך.
דערזעט עס, דערפרייט זיך דער גאַנצענער הויף:

„דרײַ פליִער פון טאָקיִאָ אײַלן אהער!" —
מע טאַנצט און מע פּויקט מיט אן אײַזערנער רער,

מע קוליעט זיך, קײַקלט זיך, שפּרינגט און מע לויפט —
א פלאַמיקע סימכע נעמט אײַן הויף נאָך הויף.

עס גוואַלדעווען קינדער, באַנומען פון פרייד,
אין הײַטערע קוילעס די שטאָט זיך פאַרגייט

ביז עפּעס א שרעקלעכע קראַפט טוט א פלעט,
און ס'פלאַצן פון וועלט און פון לעבן די נעט...

7

* * *

א כוואַליע פון ריזיקע פונקען
די העלקײַט פון טאָג האָט פאַרטרונקען.

די זון איז געבליבן א בלייכע,
געוואָרן די בערג זײַנען ווייכע.

עס האָבן זיך שטיבער צעשאָטן,
געפלאַקערט, ווי שטרוי, האָבן שאָטנס...

ס'איז שטיינער, גראַניט און מעטאַלן
א שרעקלעכע שוואַכקײַט באַפאַלן.

עס האָט זיך געקאָרטשעט דער באָדן,
דער יאַם, ווי א טאָפּ, האָט געזאָדן.

א וואָלקן־האַנט האָט זיך באַוויזן,
מיט קאַנטשיקעס ווירבל געשמיסן,

א כאַפּ געטאָן וועלט פאַרן גאָרגל —
געוואָרגן, געוואָרגן, געוואָרגן...

און ווידער אַוועק זייַנען פלאַמען —
אָט צווייַגן, אָט וואָרצלען, אָט שטאַמען.

נאָך ווילדער האָט אַלץ זיך צעזאָדן,
נאָך רוישיקער אַלץ זיך געבראָטן.

דער טויט האָט גענומען זיך צירן
אין מוירעדיק בונטע קאָלירן...

עס שטייַגט אויף א פינצטער געווימל —
א שוואָם הייבט זיך אויף ביז צום הימל,

עס הערן זיך ווילדע יעלאָלעס...
שוין אויסגעדאַמפּט אייַזן און שטאָל איז,

צעגאַנגען, ווי שניי, זייַנען פעלדזן,
און ס'טוט נאָך זיך שמעלצן און שמעלצן...

זיך שמעלצן און שמעלצן...

. . . .

ניטאָ מער קיין סימען פון גאַסן.
א דאַמף — אָנשטאָט וועגט און קאַרקאַסן!

אויב שטאָל און בעטאָן זיך צעשמעלצן,
איז וואָס קאָן שוין ווערן פון מענטשן?..

8. נאָך מער, ווי אין דער ביבל...

— „...א שלאקסרעגן פון שוועבל —
א שלאקסרעגן פון פײַער
אראָפּ איז פונעם הימל
און האָט פארגאָסן סדום"...

אָ־ווײ, ווי עס דערמאָנט מיר
די געטלעכע באצאָלונג!
אזוי, ווי אין דער ביבל,
א גאנצע שטאָט קומט אום...

נאָך מער, ווי אין דער ביבל,
ווערט אלצדינג אויסגעריסן;
נאָך מער, ווי אין דער ביבל,
פארפלייצט איז אלץ מיט פלאם...

ווער האָט געקאָנט עס טראכטן,
ווער האָט געקאָנט זיך ריכטן,
אין איין געפעס זאָל שטעקן
אזויפיל ווילדע קראפט?

אזויפיל בייזע קראפט?..

9. צוויי הונדערט טויזנט...

— כ'האָב געמיינט, אז הונדערט נאָר,
און פארטיליקט — הונדערט טויזנט...

מע ט'געזאָגט מיר: „ליבסט דײַן פאָלק,
מעגסטו, דארפסטו טייטן פרעמדע"...

כ'האָב געמיינט, אַז הונדערט נאָר;
און צו הונדערט כ'בין געוווינט שוין...

ס'טרעפט, אינמיטן פרישטיקן
טו איך אָפּ מיין אויסראַט־ארבעט:

ברויט — א ביסן, מילך — א שלוק,
פלינק דעם טויט אראָפּגעוואָרפן

און געגעסן ווייטער זיך
דעם געשמאקן, פרישן סענדוויטש...

כ'האָב געטראכט, אַז הונדערט נאָר,
מיטאמאָל — גאָר הונדערט טויזנט...

און סע שטייגט נאָך, שטייגט די צאָל,
יעדן טאָג עס שטארבן נייע —

צוויי מאָל הונדערט טויזנט שוין!!
ווער וועט מיך דערפון באפרייען?..

10. די שקיִע

— א רויטער שקיִע־טעפּיך שפּרייט זיך איבערן אעראָדראָם,
עס שפּיגלט זיך די זון אין שויבן פון אנגארן,
און מיינע אויגן זעען גאָר א שווידערלעכן שוואָם,
און מיין געוויסן שרייט: „דו וועסט מיך מער ניט נארן!"...

זיך אָנגעהויבן האָט עס פון דער צאָל —
די פילקייט האָט מיך פון מיין גלייכגעוויכט ארויסגעשלאָגן,
דערנאָך דערגאנגען איז צו מיין געהער א קאָל,
וואָס האָט געהאט נאָך עפּעס גרויליקערס צו זאָגן —

עס האָט אַרײַנגערוימט אין אויער מיר א סאָד:
אומזיסט האָסטו פאַרשאַפט אַזוי פיל ווייטעק!
אומזיסט האָסטו פאַרלענדט אַן אומשולדיקע שטאָט!
אָ, ווען, ווען איז געווען עס נייטיק?.."

אָ־ווײ, ווי פלוצעם אויסגערונען ס'איז מײַן גרויסע טאַט!
ווי לעסטערונגען קלינגען די מיך לויבנדיקע ווערטער;
ס'איז מײַן געדאַנק צווישן קאָשמאַרן נאָוועגאָד,
עס שלײַדערט אום מיך צווישן „העלד" און „מערדער"...

א רויטער שקיִע־טעפּיך שפּרייט זיך איבערן אַעראָדראָם,
עס שפּיגלט זיך די זון אין שויבן פון אַנגאַרן.
פאַר מײַנע אויגן אָבער שטייט א דעמאָנישער שוואָם,
און כ'קאָן ניט מער מײַן זינדיקן געוויסן נאַרן!..

11. דער העלד

— מײַן ברוסט איז באַהאַנגען מיט שווערע מעדאַלן.
אַרוים מיט געזאַנג און מיט קלאַנג פון פאַנפאַרן
איז טעקסאַס באַגריסן איר „העלד נאַציִאָנאַלן".
וואָס וויל מען פון מיר?

די גאַסן — געפּוצטע מיט גרינס און מיט פאָנען,
די פענעמער טראָגן א נאַרישן שמייכל.
ווער וויל עס? ווער דאַרף עס? ווער בעט זיי דערמאָנען?
וואָס וויל מען פון מיר?

געשטאַנען איך בין צווישן זיי, ווי געקאָוועט,
געקוקט מיט פאַרגלעזערטע אָקסענע אויגן.
ווי שרעקלעך עס איז אַזאַ גרויליקער קאָוועד...
וואָס וויל מען פון מיר?

דער שטאָט־מער גערימט האָט מײַן מוט און מײַן וואָפן —
די טייטער פון צוויי הונדערט טויזנט יאַפּאַנער.
אינמיטן זײַן רעדע פון פלאַץ כ׳בין אַנטלאָפן.
וואָס וויל מען פון מיר?

איצט ליג איך אין שײַער און ס׳רינען די טרערן —
עס כליפּעט דער „העלד״ אינעם היי אײַנגעגנורעט...
ווער דאַרף אַזאַ רום? ניט געדאַכט זאָל ער ווערן!
וואָס וויל מען פון מיר?

12. באַנאַכט

— און וואָס מײַנע נעכט ציִען אויס זיך אַלץ לענגער,
מיר ווערט אין זיי ענגער...

ליג איך אָן שלאָף און איך וואַרט, ס׳זאָל דער כווישעך צעפּאַלן,
שרעקט מיך די העלקײַט פון שטראַלן.

שטיל...
עס פּאָרעט אַ מײַזל זיך אונטערן דיל.

גראַבל זשע, מײַזעלע, שווין ניט מײַן רו!
איך שלאָף ניט, איך שלאָף ניט, איך הער זיך גוט צו...

דו דאַרפסט דאָך פאַרשטיין, סאַראַ גליק ס׳איז צו הערן
אַ מויזישן קראַץ נאָך אַ דונער אַ שווערן...

יאָ, איך בין קלאָר איזערלי, העלד און מאַיאָר,
מיט סרייפּעס אין כאַלעם און אַש אויף דער וואָר.

געוועזן כ׳בין די שטאַלץ פון די בעסטע פּילאָטן,
פון לויטערן הימל כ׳האָב דונערס געשאָטן.

פארשפּרייט האָב איך פּלאַם און געזייט האָב איך ווייטעק,
געטייט כ'האָב א שטאָט און געוועזן ס'איז ניט נייטיק!..

דערצו אזוי לײַכט נאָך: איין אויסדריי א גרינגער,
א צי אויס די האנט און איין דריק מיטן פינגער...

אָט איז ער, מײַן פינגער — דער שעפער פון גוואלדן,
ניין, כ'קאָן ניט מער! — מיד כ'בין אים אויסצובאהאלטן;

כ'מוז נעמען א האק, אים אף שטיקער צעהאקן.
נישקאָשע, ס'וועט סטײַען מיר קראפט עס צו וואגן...
די האק איז אין קיך, און די קלאָץ — בא די שטאלן...
שלאָף־שלאָף!..
עס איז גאָרנישט... —
א שטול איז געפאלן...

וואָס שרײַסטו?
וואָס וויינסטו?
איך וויל עס ניט הערן!

איך האס
די קאפּריזע
צעקראָכענע טרערן!..
ניט שרעק מיך!
כ'וועל סײַווי מער גאָרנישט פארגלעטן...
מיך ארט ניט! —
מיר קאָנען נאָך מאָרגן זיך געטן...

13. באם ברודער אין פארם

— נעם צו מיך, מײַן ברודער, צו זיך אפן פארם.
עס איז מיר דערווידער געוואָרן דאָס פליִען.
מײַן ווײַב איז מיר פרעמד, און מײַן היים — מיר ניט ווארעם.
דערלויב מיר מיט דיר אף דײַן פעלד זיך צו מיִען!

געוואָלט האָט דער גורל מיט רום מיך באַצירן,
געוואָלט האָט דער צופאַל מיר מאַכן אַ נאָמען.
געבליבן פון דעם איז אַ בראַנד אין געהירן,
אַ זעונג פון שרעקלעכע ריזיקע שוואָמען...

איך מוז פון דעם אַלעם זיך, ברודער, באַפרייַען.
אין שטאָטישן טומל איז מיר עס ניט מעגלעך.
נאָר דאָ, אויפן פאַרם, מייַן רו קאָן געדייַען.
דערפאַר כ'וועל דיר דאַנקבאַר און נוצלעך זיין טעגלעך:

כ'וועל גראָבן דייַן ערד, איך וועל יעטן די בייטן,
כ'וועל מעלקן די קי און וועל שערן די לעמער,
כ'וועל דרעשן דייַן טווייַע און פלעגן די קווייטן,
אַרויספירן מיסט און פאַרקערן די שפּענער.

כ'וועל פלייַסיק טאָן אַלץ, וואָס עס טאָן דאַרף אַ פּויער,
זיך פרייען, אויב זייַן כ'וועל פון שווייסן אַ נאַסער.
נאָר וואָס איז דאָרט, ברודער?.. וואָס גרייכט צו מייַן אויער?
איך קאָן עס ניט הערן!.. מע שטעכט דאָרט אַ כאַזער!..

ניין, ברודער, איך טאָר גאָר ניט, כ'טאָר דאָ ניט בלייַבן!
אַ הון וועסטו שעכטן, וועל איך דיך פאַרפלוכן...
איך בעט דיך, מייַן ברודער, דו זאָלסט מיך פאַרטרייַבן.
איך טאָר דאָ ניט בלייַבן. מייַן שטראָף כ'מוז גיין זוכן!..

14. דער אורטייל

— באַשולדיקטער קלאָד איזערלי, עס איז דערוויזן,
איר האָט אַ שלאָס אָראָפּגעריסן,
אַ צווייט מאָל האָט איר באַ אַ שאַכן
אַ קליידער־אַלמער אופגעבראָכן,
אַ דריט מאָל: אַ פאַרבייַגייער איר זייַט באַפאַלן,
אַ פערט מאָל: באַ אַ קאַצעוו קי אַרויסגעפירט פון שטאַלן,

א פינפט מאָל: אויסגעזעצט וויטרינע־שויבן,
א זעקסט מאָל: שטארק צעשלאָגן, וועלנדיק בארויבן,
און דאָס מאָל זײַט איר שוין אריַינגעפאלן,
ווען איר אין באר געמאכט האָט דריַי מאָל נאָכאנאנד סקאנדאלן.

קלאָד איזערלי, איר ווערט באשולדיקט איצט אין רויבן,
גאנווענען און שלאָגן.
וואָס האָט איר אונדז אויף דעם צו זאָגן?

— באזונדערס גאָרנישט. איך האָב נאָר צוצוגעבן:
זײַט וויסן, ריכטער, אז איך האָב פארניכטעט לעבן!

— דאָס הייסט, איר זײַט זיך מודע אויך אין מאָרד?

— ס'איז ניט דאָס צוגעפּאסטע וואָרט!
איך האָב קיינעם ניט געמאָרדעט. מאָרד האָט הינטער זיך א ציל,
מאָרד איז דאַן, ווען הארגענען מע וויל.
איך האָב ניט געהאט קיין ציל און ניט געוואָלט...
אזוי טײַער, דוכט, באצאָלט, און אלץ נאָך ניט באצאָלט!

— באשולדיקטער קלאָד איזערלי, רעדט קלאָר.
אויב מודע זײַן, איז אלצדינג ביז א האָר!
דערמאָרדעט האָט איר וועמען?

— איך וויים ניט קיינעמס נעמען...

— טאָ זאָגט זשע ווו און ווען?

— איך האָב זיי ניט געזען!

— קלאָד איזערלי, איר זײַט אין א געריכט.
דאָ קאָן מען ניט באנוגענען זיך מיטן זאָגן: „כ'האָב פארניכט".
מיר דארפן וויסן וועמען.
מיר פאָדערן, איר זאָגן זאָלט די נעמען!

— אזוי גאָר? נ ע מ ע ן זאָגן אײַך? און מיר האָט מען געזאָגט,
ווען מע האָט אופגעוועקט מיך, איידער נאָך עס האָט געטאָגט,
און מיר אַרײַנגערוקט אין האנט אַרײַן
א לאָדונג שאנד, פארברעך און פּײַן?..
איך ווייס ניט זייערע פארברעכנטע נעמען.
צי קאָן דען א יי ן זיקאָרן אזוי פיל פארנעמען?
געגנוג איז מיר, איך ווייס די צאָל —
צוויי הונדערט טויזנט מיטאמאָל!..

— באשולדיקטער קלאָר איזערלי, ס'איז אומווירדיק און פרעך
צונויפצופּאסן גרעסטן העלדנמוט מיט שאָפעלן פארברעך!
איר ווערט באשולדיקט דאָ אין רויב, אין גנייווע און סקאנדאל.
אזוי־אַ ווייטעקדיק פאר אונדז איז אײַער פאל!
ווי קומען עס צו אײַך אזעלכע פינצטערע פארלאנגען?
ווי זײַט איר צו פארברעך דערגאנגען??

— כ'בין ניט דערגאנגען, מע האָט מיך דערצו דערבראכט:
אַן אויבער־אויסראָטער פון מיר געמאכט,
און אָפּגעזאָגט זיך פאר מײַן שרעקלעכן פארברעך מיך צו באשטראָפן...
אַף וואָס זשע, פרעג איך אײַך, בלײַבט מיר צו האָפן?
ווי זאָל איך מײַנע צוקינפטיקע טעג אויסלעבן?
ווער וועט די נויטווענדיקע רו מיר געבן?
אויב כ'וויל צוריקבאקומען כאָטש א טייל נאָר פון מײַן שלאָף,
מוז איך דערווערבן מײַן פארדינטע שטראָף,
מעג זײַן עס מיט דער הילף פון רויב, פון גנייווע, גזיילע צי סקאנדאלן,
קיין פּיצעלע פון איר ניט ווערן טאָר פארפאלן!
כ'וועל זוכן, בעטלען, קלײַבן, זאמלען אָן א סאָף,
כ'וועל אלצדינג טאָן אַף צו באקומען שטראָף!..

. . . .

— „אין נאָמען פון גערעכטיקײַט, אין נאָמען פון די שטאַטן,
קלאָר איזערלי איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַנע טאַטן —
אים האָט דער קלאָרער זין פאַראַטן"...

.15

* * *

אין לאָס־אַלאַמאָס דער אָוונט
ווערט אין שוואַרצער נאַכט פאַרוואַנדלט.
א פאַרכאַלעשטע לעוואָנע
דורך א דינער כמאַרע וואַנדלט.

איבער ווײַסטער כיראָסימע
הענגט א כּוישעכדיקער וואָלקן —
ס'איז די אַטאָמישע סינע,
וועלכע טוט די וועלט פאַרפאָלגן.

איזערלי זיצט א פאַרשפּאַרטער
אין צעווילדעוועטן דולהויז,
און א צווייטער אָפּגעגאַרטער
גרייט זיך זייען טרונעס, קוליעס...

אין לעוואָנע־גלאַנץ דעם בלייכן —
גרינלעך־געל די ערד, ווי כאַקי,
און אַף איר צוויי קאַין־צייכנס:
כיראָסימע, נאַגאַסאַקי...

ווילנע, יאַנוואַר 1961

סדוים

(פונעם ציקל פּאָעמעס
„אזוי איז געגאנגען דער מענטש")

סדוימער וואקסן אפן זאלץ.
סדוימער ווייסן: זאלץ איז אלץ —
זאלץ איז דאָרשט און זאלץ איז טאם
און דער גאנצער טויטער יאם.

ס'איז דעם סדוימער בושע פרעמד.
טאנצט דער סדוימער אין איין העמד —
טרוקן, ווי דער מידבער־ווינט,
פוס — אין זאלץ און פוס — אין זינד...

ערגעץ — האָניק, דאָ — נאָר זאלץ.
כאפּ דאָס לעבן און צעשפּאלט'ס;
נעם פאר זיך צו בלויז די זינד,
אלדאָס רעשט איז פאר די הינט!

אָ, דער סדוימער ווייסט שוין לאנג
אָט דעם מענטשלעכסטן געדאנק:

אלצדינג, וואָס עס איז פאַרוועדט,
איז פאַרבאָטן און באַשערט...

פּײַפּט אין זאַלץ אַרײַן א ווינט:
„ס'לעבן איז א ברונעם זינד!
טאַטעס, לערנט מיט די זין:
זיס דאָס מיטל — זיס דער זין!"

זינד איז קיינעם ניט קיין שאָד.
זינד קלעקט פאַר דער גאַנצער שטאָט.
ברויט ניט סטײַעט, וואַסער פעלט,
זינד קלעקט פאַר דער גאָרער וועלט!

סדוימער וואַקסן אַפן זאַלץ.
סדוימער ווייסן: זינד איז אַלץ —
זינד איז דאָרשט און זינד איז טאַם,
פלאַם, וואָס לעשט דעם טײַוועפלאַם...

◆

„ערגעץ טרוימען גרינע סעדער,
שאָטנס שפּרייטן זיך בא צעדער,

פייגל זינגען אין די נעסטן,
וועוועריקעס די צווײַגן מעסטן;

אונדז נאָר בראַנד־ווינט קומט אנטקעגן,
פײַער אָטעמט אַף די וועגן,

ניט קיין פראָס, ניט קיין בידעקל.
ס'קוקט די וועלט אַף אונדז מיט עקל

און זי זידלט אונדז, ווי זינדער, —
די פאַר־איביקטע סדוימס קינדער...

וואלגערן מיר אינעם זאלץ זיך,
ווייסן, אז דאָס גליק באהאלט זיך

ערגעץ ווײַט הינטער ציפּרעסן.
נעמט עס אונדז די הערצער פרעסן!

בייזע האָבן אויך געפילן,
מערדער ווילן אויך זיך שפּילן...״

◆

עס וויינען די סדוימער. געזאלצענע טרערן
זיך קוילערן איבער פארטריקנטע באקן.
מע קריצט מיט די ציין און מע האלט אין איין שווערן:
„מיר מוזן די פרייד פון באפרידיקט זײַן פּאקן!

פארוואָס איז באשערט אונדז געבוירן צו ווערן
אָט דאָ, וווּ די שנײַדיקע זאלץ־ווינטן בלאָזן?
פארוואָס, אָ פארוואָס זאָל צו סדום ניט געהערן
דאָס גליק פון זיס וואסער און דופטיקע גראָזן?

א מענטש ניט קיין שטיין איז. א מענטש ווערט געבוירן
צו צאַפּן האנאָע פון קוואלן און בייטן.
פארוואָס זשע באשערט איז דעם סדוימער א גורל
פון וואסער, וואָס טויט איז, און זאלץ — אָנשטאָט קוויטן?

די זינד איז בא אונדז ניט צעלאָזנקײַט בלויזע,
די זינד אונדז די שרעקלעכע אוולע פארגיטיקט.
באשלאָפן מיר מענער און מאכן א קויסע,
מיט ווילדעווען שמעלצן דאָס בלײַ פון געמיטער.

מיר זײַנען געקריוודעט, דערפאר — אויך דערצאָרנט,
דאָס לעבן אין זאלץ ט׳אונדז געמאכט פאר לײַדאקעס.
מיר זײַנען פארטריקנט, פארשטיינערט, פארדאָרנט,
דערפאר אויך — פארהעפּקערטע וויסטע הוליאקעס...״

◆

„מיר שלאָגן, מאַטערן און האָבן מוירע,
פֿאַרשוועכן, פּאַטערן און האָבן מוירע,
מיט רישעס פֿאָדערן און האָבן מוירע,
מיט רוגזע קאָדערן און האָבן מוירע.

מיר הוליען, בושעווען און האָבן מוירע,
באַטויבן, גלושענען און האָבן מוירע,
צעיושעט האַוועגען און האָבן מוירע,
באַשווינדלען, ראַבעווען און האָבן מוירע.

אין זנוס מיר טוקן זיך און האָבן מוירע,
פֿאַר טײַנעג בוקן זיך און האָבן מוירע,
אין ווײַן־טשאַד טשאַטעווען און האָבן מוירע,
אַף טויט פֿאַרקאַטעווען און האָבן מוירע —

מיר האָבן מוירע, האָבן מוירע, האָבן מוירע,
ס'זאָל ניט אַריבעריאָגן אונדז אַמוירע..."

◆

„פּרעמדער, ביסט אַרײַן אין שטאָט.
זאָגסט, עס האָט געשיקט דיך גאָט?
וועסטו ניט אַרוים צוריק —
וועסט דאָ ברעכן דײַן געניק!
זאָגסט, ס'איז רישעס? גיי שוין, גיי,
סדוימער האַרציקייט פֿאַרשטיי!
אויב ביסט שוין צו אונדז אַרײַן,
מוזסטו אונדזער אוירעך זײַן:
אָפּגעבן דעם באַלעבאָס
אַלץ און אַלצדינג, וואָס דו האָסט —
לײַב־און־לעבן, האָב־און־גאָב,
הײַנט און צוקונפֿט, און דעם קאָפּ...

זײַ, מיר בעטן דיך, א גאסט.
טרינק זיך אָן, ווי אין סדוים פּאסט —
גיס און קער אין זיך אַרײַן
לאָגלען ברענענדיקסטן ווײַן —
זויף, ביז ברעכן וועסט מיט גאל,
יאָמערן, ווי א שאקאל...
און אז עס וועט ווערן שפּעט,
ט'מען דיר צוגרייטן א בעט
אױף א סוקעוואטער באנק.

וועט דיר זײַן די באנק צו לאנג,
וועט מען דיר שוין, ווי־ניט־איז,
אויסציִען די קורצע פיס...
טאָמער איז צו קליין די באנק,
דײַנע דארע פּאָלקעס — לאנג,
וועט מען מאכן דיך אוים ריז —
אונטערזעגן דיר די פּיס...

. . . .

בריקע זיך ניט! לאָז אונדז, לאָז
אָנווענדן די סדוימער מאָס!..״

◆

ס'איז דעם סדוימער ליב די אוולע,
האָניק־זיס איז אים איר טאם.
צוגעטוליעט זיך די אוולע
האָט צום ברעג פון טויטן יאם.

און די אוולע האָט דרײַ הערנער —
רישעס, גרויזאמקײַט און גוואלד.
אוולע, אוולע, הער נאָר, הער נאָר,
ווערסט דאָך קיינמאָל גאָר ניט אלט!

זאמלט זיך צונויף, שאקאלן,
קומט אין סדום, דער שטאָט, אריַין
לערנען זיך, ווי צו באפאלן,
ווי שאקאלישע צו זיַין.

ווילדע קעץ פון מידבער געלן,
וועלף פון טונקל־גרינעם וואלד,
שטעלט זיך אוים בא סדומער שוועלן
זען, ווי ס'הערשן צוואנג און גוואלד,

ווי ס'געדיַיען בייז און אומרעכט,
סינע, רוגזע און פאראַט.
אוולע, אוולע — סדומער קרומרעכט —
שארפע האק אין האנט פון קאט!

◆

איז קיין סדום א מאן געקומען
און א סדומערקע גענומען
פאר א וויַיב;

האָט געבראכט ער זינדיק־ניַיעס,
אז די שמוציקסטע הולטיַיעס
האָבן אים געבעטן: „בליַיב —

בליַיב בא אונדז, מיר דיך באערן
דאָ צו לעבן און פארמערן
הארטע סדומער זין.

ביסט א העפקער־יונג א בראווער —
א פארשיַיטער הוליע־כאווער,
ביסט פון אונדזער מין.

ביסט א יאט, וואָס לאַכט פֿון טרוימער,
ביסט א קערנדיקער סדוימער —
ווייסט פֿון בייז דעם קונץ.

ווי זשע קומט עס, זאָג אונדז, ליבער,
אַז דו שטײַגסט שוין באַלד אַריבער
אויך אַפֿילע אונדז?״...

האָט א שפּײַ געטאָן דער פֿרעמדער —
דורכגעזײַט א פּוילן ענטפּער
צווישן פֿרעכע ציין:

„אויב איר זײַט אַף זינד מעווינים,
זאָגט, ווו קאָן מען זינד געפֿינען,
אויב ניט אין מײַן היים?

כ׳קום צו אײַך פֿון העט — פֿון דאָרטן,
וווּ עס בליט א פּעטער גאָרטן,
גרינס — ווי דאָ דאָס זאַלץ.

דאָרט געוועזן איז דער גאַניידן,
ס׳איז א טאָל פֿון פֿרוכט און קווייטן —
האָניק, מילך און שמאַלץ...

וואָס מע טוט דאָרט, מוז געראָטן,
ס׳איז א קאַנט פֿון זון און שאָטן
צווישן טײַכן צוויי,

אונטערן געצעלט דעם בלויען
בלינצלען אַף די לאָנקעס טויען,
אַף די בערג ליגט שניי...

אָ, ווי וווּיל דאָרט איז צו שווײַגן,
רײַסן פֿײַגן פֿון די צווײַגן
(ניט צום עסן — סטאַם!)

זאטקײַט, פּוילקײַט ענג זיך קײטלען,
גלײַך אין מויל עם קריכן טײטלען
מיטן זיסטן טאַם...

לעבט מען דאָרט, אין קאַנט געבענטשטן —
ניט מאַלאָכים, ניט קײן מענטשן —
לאַדישן מיט גליק...

טרעפֿט אַמאָל, ס'קומט אויס פֿאַרגיסן
פֿונעם גליק אַ נישטיק ביסל,
קוועלט באַלד אָן צוריק.

פֿרעגט זיך: אין אַזאַ־אָ װוילטאָג,
ווען די צײַט איז רו־נאַכט, פּוילטאָג,
וואָס בלײַבט דען צו טאָן,

אויב ניט נישטערן און זוכן
פֿאַרגעניגנס צו פֿאַרזוכן,
וויפֿל נאָר מע קאָן?

אויב ניט שטענדיק לעכצן, גאַרן
מיט די דלאָניעס פֿרייד צו שאַרן,
אָנזאַמלען געניס,

אויב ניט אָן אָן אופֿהער קלערן,
ווי פֿאַרוויַילונג צו פֿאַרמערן,
קאַטשען זיך אין זנוס?.."

◆

האָבן זיך צעהעשעט סדוימער,
רוגזע־בלוט האָט אופֿגעזאָדן:
„ניין, עס וועט ניט זײַן אַזוי מער —
מיר פֿאַרוּוערן, מיר פֿאַרבאָטן,
איר די זינד פֿון אונדז זאָלט רויבן!

פוילט אײַך דאָרטן אינעם שאָטן
פון די שעפּעדיקע צווײַגן —
כראָמשקעט באָקסער, סמאָטשקעט פײַגן,
זייגט אײַך זאפט פון זיסע טרויבן,
דאָך ניט וואגט די זינד צו רויבן!
זי צו אונדז נאָר מוז געהערן,
סדוים בלויז רעכט האָט זינד פארמערן...

גוט, וואָס ביסט צו אונדז געקומען
און דאָס אַלץ געלאָזט אונדז וויסן!
אין דײַן קאנט פון פרוכט און בלומען
וועט דײַן טאט געווים פארדריסן,
וועט מען דיך דערפאר דאָרט שילטן,
פאר א מאָסער וועסט דאָרט גילטן.
ווילן מיר דײַן פּײַן פארזיסן
און מיר שווערן: „אָסער, אָסער,
אויב דו בלײַבן וועסט א מאָסער!” —

לייג זיך אפן שטיין דעם קאלטן,
מירן דיר דעם מויעך שפּאלטן...”

◆

צווישן זאלץ־מידבער און זעט־לאנד פליט א ווינט,
טראָגט אף פליגל דעם וויקועך וועגן זינד:

ווער פון די־אָ ביידע קאנטן איז גערעכט?
ווו איז זי, די זינד, פארגיבלעך, ווו — פארברעך?

עפּשער ווייסן הימל־בלויקײַט, שקיָע־רויט,
ווער איז גוירעם זינד: די שעפע צי די נויט?

קומט דער ענטפער — אי אזוי און אי אזוי.
ווערט דער עמעס פּוסט און טרוקן, ווי א שטרוי.

ס'איז דער עמעס אפן פליגל פונעם ווינט,
ס'איז דער עמעס, וואָס ער דרייט זיך ארום זינד...

וויקלט, וויקלט זיך דאָס גרויע קנײַלכל — צײַט,
צווישן מאנגל און דער שעפע גייט א שטרײַט.

יעדער איינער אַף זײַן טײַנע וויל באשטיין —
ער איז דער פונקט, וועלכער רעכט האָט זינד באגיין.

פליט דער ווינט מיט די באווײַזן הין־און־הער,
קומט פון ערגעץ אים אנטקעגן אָן א טרער.

בלינצלט, שימערט אין דער טרער די גרויסע פײַן
פון אין טראָפּן זאלץ־וואסער פארקלעמטער שײַן.

טוט דער ווינט א פאטש די טרער, און זי פארשווינדט —
„ניט פון דאכקעס, ניט פון שעפע שטאמט די זינד!"..

◆

„סדוימער, גיי ארוים אין גאס
צו דעם יאָמטעוו פון העפקיירעס!
ס'וועט דורך נאכט זײַן פרייד און שפּאס,
קײַקל, יעדערער, דײַן פאס
צו דעם יאָמטעוו פון העפקיירעס.

סדוים א גאנץ יאָר זיך פארווײַלט,
טאנצט, ביז זי די פיס צעבײַלט,
זינגט, ביז הייזעריק זי ווערט,
האָט דאָס אלץ אָבער א ווערט
געגן יאָמטעוו פון העפקיירעס?

עך!.. עך!.. עך און עך!..
מיט די פויסטן זעצט אין בלעך,

טונקט שטורקאצן אײַן אין פּעך,
צינדט זײ אָן פֿאַר דער העפּקיירעס!
װײַן, װאָס הוליעט שוין אין פֿאַס,
לײַכטזין, אזעס, האס און קאס,
אַלע, אַלע — אַף דער גאַס
צו דעם יאָמטעוו פֿון העפּקיירעס!

רוימט דעם װעג! א װאַרע מאַכט!
ס׳גײט די סדוימישסטע סדוימס נאַכט.
ס׳האַרץ, װי א היִענע, לאַכט;
גײט א טאַנץ פֿאַר דער העפּקיירעס —
דרײט זיך אַרום קרומען בױם
(אײנציקן געװיקס אין סדוים),
ס׳זאָל דאָס מויל באַדעקן שוים
אינעם יאָמטעוו פֿון העפּקיירעס!..״

אַכטונג, אַכטונג, מאַכט א װאַרע!
ס׳גייען זיבן מענער דאַרע,
אײַנגעהילט אין געלע פּלאַכטעס.
הינטער זײ לױפֿט נאָך דער אַכטער
מיט א האַק.
און באַלד נײַע זיבן מענער,
רויט באַפּעדערטע, װי הענער,
פּאַטשן, פּאַטשן מיט די פֿליגל
איבער א צעבראָכן װיגל
און א פּוסטן זאַק...
זיבן װײַבערשע געשטאַלטן,
װאָס די בריסט זײ ניט באַהאַלטן,
װיגן כוצפּעדיק די היפּטן
און זײ פּרוּװן אַלץ א שטיף טאָן
מיט דער שאַנד אַרױס.
זיבן אזעסדיקע קינדער
שפּײַען אַף א זקײנע בלינדער,

שלאָגן זי מיט שטריק און שטעקן;
איטלעכס מוז אין קאָפּ איר שטעקן
זײַנס א לויז...

מאכט א װאָרע, מאכט א װאָרע! —
נײַע זיבן מענער דאָרע
הייבן פיס, װי דראָנגען, שטײַפע
(איז עס דראָנג אָדער גײַװע?).
זיבן אויסגעדאַרטע מענער,
װי די לייבן־קעפּ באַװאַקסן.
זיבן שװאַרצע לאָמע מענער
טוט א מאָדנע לאַסט באַלאַסטן.
זיבן הינקעדיקע מענער
טראָגן פאַרזיכטיק א קאַסטן,
און אין אים ליגט אויסגעצויגן
א געשטאַלט פון ערדװאַקס װייכן —
אַזאַ מויד מיט מידע אויגן,
װאָס די לײַטישקײַט באַצייכנט.
גרויסער יאָמטעװ פון העפקיירעס
הייבט זיך מיט פאַרבערענונג אָן.

„לוסטיק, גלוסטיק, האַרט און הײַטער
גייט א ראָד אַרום דעם שײַטער,
ס'זינקט די לײַטישקײַט אין פײַער,
ס'איז איר עקן זיך אונדז טײַער;
אָפּ איר אַש װעט געבן פּיירעס
גרויסער יאָמטעװ פון העפקיירעס!

זעט, זי שמעלצט זיך, פלאַמט און פלאַקערט.
לעבן זאָל דאָס רויטע קנאַק־אָרט
מיט זײַן װוּנדער־קויעך גרויסן! —
גלעט און טוט אָפּ אַש צעשטויסן...

אוים! ניטאָ שוין מער — פאַרברענט!
שטעלט זשע איצט זיך אַף די הענט:
קאָפּ — אַראָפּ און פיס — אַרויף.
זאָל קאַפּויערדיקער גוף
מיט אָט דעם פאַרקערטן שפּרייַזן,
סאַראַ פרייד דאָס איז באַווייַזן...
טרעטן הענט אַהין, אַהער,
גייט עס קונציק, אָבער שווער.
לאָמיר בעסער שוין זיך קוליען,
ווי די יונגע צייַגלעך הוליען...

אָ, ווי גוט! אָ, ווי גוט!
ס'קנייַפּט דאָס אופגערייצטע בלוט".
קוילערט מען זיך לינקס און רעכטס
מיט אַ קלאָלע און אַ קרעכץ
און אַ זידלוואָרט אַ גראָבן,
גאָר ווי מיט די בעסטע גאָבן...

„קיינער ט'ניט די זינד פאַרלאָרן,
און מיר האָבן זי געפונען.
אָנגעשעפּט מיר האָבן צאָרן
פון אַ צוגעזאַלצטן ברונעם.
טאַנצן מיר דעם טאַנץ פון אומזין,
פונעם בייזוועלן און קרומזין...

גלי, ברי, שטאָט פון זינד,
ווי די מאַמע וואַרפט איר קינד,
ווי דער טאַטע האַלדזט די טעכטער,
ווי אַ ליבהאָבער אַן עכטער...
פריי זיך, סדום, דריי זיך, סדום —
טאַנץ אַרום דעם קרומען בוים,
שלינג די זיסע רייַפע פּיירעס
פונעם יאָמטעוו פון העפקיירעס!

רויק!.. יעדער הייב דיַין קופּ —
ווייל אזוי דעם האר מענוּוול,
דעם, וואָס טראָגן דאָרף די קרוין
פון דעם סדוימישסטן אין סדוים.

נעמט אים, הייבט אים, ווארפט אים העכער!
אזא טויגעניכטס א פרעכער
אונדזער הויכשאצונג פאַרדינט!"
ס'קרייען הענער, ס'בילן הינט,
קרעציקע היִענעס קיַיכן,
און די סדוימער פּליעסקען, פרײַיכן,
הייבנדיק דעם פולן קופּ:
„לעבן זאָל דער האר מענוּוול!"...

„איך בין אײַער האר מענוּוול,
איך באפויל
אָנשעפּן א פולן שופל
אש און קויל,

צומישן צו דעם א ביסל
קעמל־מיסט,
שטעלן פאַרן גאסט א שיסל:
„נא, געניס!"

וועט ער זאָגן, ס'האָט קיין טאם ניט?
זאלץ שיט צו!
וועט ער זאָגן, ס'טויג אים סטאם ניט?
קאלך גיט צו!

וועט ער שרײַען, ס'ברענט דעם גומען,
לאכט אים אויס —
„אויב ביסט שוין צו אונדז געקומען,
כליאָבע אויס!"

װעט ער שלינגען און װעט שפּײַען
גרינעם קלעק,
װײנען, בעטן זיך און שרײַען:
„כ׳שטאַרב אַװעק!״

זאָל ער הערן אײַער שפּעטן,
זײַן פאַרהאַסט.
קיינער האָט אים ניט געבעטן
זײַן אַ גאַסט!

אױסגיין דאַרף ער אַ געשענדטער
בײַ דער טיר.
װען סדום הוליעט, זאָל קיין פרעמדער
ניט אַרײַן אין איר!..

כ׳בין הײַנט אײַער האַר מענגװױל,
אױף מײַן קאָפּ די שװאַרצע קרױן.
אין מײַן דולנדיקן קופּל
שװימט אײַער העפקײרעס־לױן.

ציט אַרױס פון פּעסער שפּונטן,
לאָזט אָן װײַן אין מױל און קעל.
נאָך אַזאַ־אָ טרונק געזונטן
װערט דער יאָמטעװ צען מאָל העל.

הײ, באַאװלטע באַל־אַװלעס —
אױװער־באָטל, קינד־און־קײט —
טרעט דעם טאַמצעס, טאָך און טאַכלעס,
טשמאָקעט זינד און זשליאָקעט פרײד,

טראָגט זיך איבער סדומער גאַסן
מיטן גאַנצן סדומער גלות,
האַסט די ליבשאַפט, ליבט דאָס האַסן —
רױטן װילדװילן פון בלוט!

האלט!.. האלט!.. זאָל שוין קלעקן!
שטעלט זיך בא דעם קופּער־בעקן
אויסצוואָגן אין שלײמיק וואסער
א פארפּעכטן שווארצן כאזער!

הערט נאָר, הערט נאָר, ווי ער קוויטשעט,
כריוקעט, פּיסקעוועט — אזש ריטשעט.
זשאלעוועט ניט אים צו שווענקען,
איר זײַן קאָל זאָלט פארגעדענקען,
אין געהער דעם קלאנג באהאלטן,
אײַער ליד לויט אים געשטאלטן...

פּליעסקעט, פּליעסקעט, פּליעסקעט צו,
רײַסט די אומנייטיקע רו.
זאָל זיך אונדזער סימכע וויגן
אויף סקאווּטשעדיקסטן ניגן...

פאלש!.. פאלש!.. פאלש געזונגען!
ניט אזוי האָט עס געקלונגען
אינעם שווארצן כאזערם פּיסק.
ס'איז צו גלעטנדיק, צו זיס.
זינגט מער סקריפּעדיק און ראציק,
זײַן זאָל קריציק, קרעציק־קראציק...

ווײל!.. ווײל!.. — איצט איז גוט! —
שאנדעלאָז, מיט מוט און בלוט!
וועלף, היִענעס און שאקאלן
שטוינען, אין כאלאָשעס פאלן"...

ס'איז אוועק!.. ס'איז אוועק! —
ס'איז א יאם ארוים פון ברעג.
זיך צעברויזט און אופגעזאָדן
האָבן דולע קאראהאָדן:

„זינד איז זיס!
זינד איז זיס!
כאַפּ דעם אומרעכט און געניס!

זינד איז זיס!
זינד איז זיס!
ס׳איז דער בעסטער קוש דער ביס!"

האָגלט, האָגלט אַ געלעכטער,
הארץ קלאַפּט אײַליקער און עכטער,
און די בלוטן זיך צעיאָגן,
דורכן גוף שיגאָען טראָגן —
„ס׳איז אונדז גוט!
ס׳איז אונדז גוט —
ווי מיר ווערן אָן דעם זינען,
זיסן אומזין מיר געפינען!
וואַרפט אַ ציגל אין לעוואָנע,
אויסרינען עס זאָל די שײַן,
ווען דאָס הארץ שוין מער ניט מאָנען,
עס זאָל פינצטערער נאָך זײַן...
אָ, די זינד איז אַזוי זיס.
ס׳ציט די זינד אונדזערע פיס.
לאָמיר קוילענען דעם עמעס,
ער פאַר אונדז איז סײַווי יענעמס...

פרייַ זיך, לאַך! פרייַ זיך, לאַך!
זעסט דאָך, ס׳ברענט דעם שאָכנס דאַך;
שלאָפן וועט ער אויף דער גאַס,
וועלן מיר אים בריקען, בריקען...

וואָס זשע איז אונדזער באַגער?
וואָס זשע איז אונדז נייטיק מער:
רעטן זיך צי מאָרדן יענעם?
ניין, מיר זוכן ניט קיין ענטפער,

ס'פירט דער ענטפער צו דעם עמעס,
און מיר ווילן אים ניט טרעפן.
ס'איז א בייזע שלאנג דער עמעס —
דרייט זיך, דרייט זיך און בייסט איין...

אלע ווײַנען אויסגעטרונקען,
ברעך די קרוגן!
האָט דאָס גליק דיר צוגעוווּנקען,
האלט זיך פאר א קלוגן!
כאַפּ דאָס לעבן פאר דער גריווע,
ווי אן אָגער ווילדן.
פון די אָפּגרונטן די טיפע
מעג דיך יוישער שילטן...

וויינט!.. וויינט!.. וויינט, שאקאלן,
מענטשן וועלן אײַך באפאלן;
און דער מענטש פון אײַך איז גרעסער,
מענטש איז כײַע מיט א מעסער,
ס'איז זײַן הערלעך רומפול גרויס זײַן
מער ניט, וואָס ער קאָן זײַן גרויזאם...

היי, לײַדאקעס און הולטײַעס,
מאכט לייצאָנישע האוויַיעס!
שלעגער, אויסראָטער און שעכטער,
קנוילט די באקן פון געלעכטער!

אלע, אלע פּליעסקעט צו!

כאַפּ א פוקס, פארדריי דעם עק אים,
כאַפּ א יונגן האָז און שרעק אים,
כאַפּ א קעצל און פארקיצל,
פארן הינטל זײַ א היצל,

אלע, אלע פּליעסקעט צו!

טוסטו הינקען, צווינג זיך לויפן,
קענסט ניט טרינקען, דארפסטו זויפן,
ביסט א טיפּעש, פּלאָפּל וויצן,
ביסט אן אָם, שטעל אוים די ציצן,

אלע, אלע פּליעסקעט צו!

זינד איז זים!
זינד איז זים!
טרעט דעם יוישער מיט די פים!

זינד איז זים!
זינד איז זים!
זויבערקייט מיט ברוד פארגים! . . .

. . . .

מיר האָבן דען ס׳בייז באשאפן?
גאָט האָט עס דאָך אונדז געשענקט.
טאָ פארוואָס זשע זאָל מען גאַפּן,
ווען דאָס הארץ נאָך גאָטס גאָב בענקט?
אויך אן אייזל אין סדוים ווייסט:
ס׳איז קיין בייז ניט צו טאָן בייז,
בייז פארגייט, ווי גוטס פארגייט,
לעבן איז א יאגד נאָך פרייד,
טײַנעג יעדערער פארדינט,
זינדיק זײַן איז ניט קיין זינד!״

„מאַן, ווײַב, גרוים און קליין,
אויסגעצווינגן גלײַך בלײַב שטיין!
שטעל זיך זינגען אונדזער ליד,
די, וואָס מוט און קראפט אונדז גיט —
אונדזער שטאָלץ און אונדזער שוץ,
אונדזער טײַערסט האָב־און־גוטס —

ליד פון סדוים,
ליד פון סדוים:

טראכט ניט אוים: דאָס הארץ איז גוט!
יעדער מענטש גארט יענעמס בלוט.
זעסטו בא א צווייטן גליק,
נאָר דערפאר שוין אים דערשטיק.

דאָס איז סדוים!
דאָס איז סדוים!

לעבסטו — לעב פאר זיך אליין.
ביסט א מענטש, טאָ זײַ א שטיין.
אלץ, וואָס יענער טוט, איז שלעכט,
יענעמס ווילזײַן דיך פארשוועכט...

דאָס איז סדוים!
דאָס איז סדוים!

קומט א פרײַנט צו דיר אין הויז,
ווי א פײַנט, ווארף אים ארויס.
אויב א גרײַפּל זאלץ ער בעט,
שפּאלט זײַן קאָפּ, זײַן שארבן פּלעט...

דאָס איז סדוים!
דאָס איז סדוים!

האָסטו ליב דײַן אייגן קינד,
לערן עם געניסן זינד.
זאָל דײַן זון זײַן בייז און ווילד,
זאלץ זאָל קענען אים זײַן מילד...

דאָס איז סדוים!
דאָס איז סדוים!

גרויזאם זײַ, האָב פײַנט, פאראכט,
ווי דער טויטער יאם באנאכט!
גוטסקײַט איז א בייזער שפּאס.
זײַ א פיש אין טײַך פון האס...

דאָס איז סדום!
דאָס איז סדום!

דאָס איז זי, די ליד פון סדום..."

. . . .

◆

ווײַכט, אנטלויפט פון סדום דער לעצטער פרישער ווינט,
טראָגט ניט מער די טײַנעם וועגן רעכט אף זינד,

יאָמערט, הוילט, ווי א געשלאָגענער שאקאל:
„נויט בארעכטיקט ניט געפאלנקײַט און פאל!"

וויקלט, וויקלט זיך דאָס גרויע קנײַלכל — צײַט,
פליט דער ווינט אף ברייטע פליגל, שעלט און שפּײַט,

וואָיעט, וויינט און שיט אין פּאָנעם זאלץ און זאמד:
„ניט פון דאכקעס, ניט פון שעפע שיפלעס שטאמט!"

אָ, עס ווייסט אצינד שוין קלאָר דער קלוגער ווינט,
וויִאזוי א גאנצע שטאָט זינקט אײַן אין זינד:

„אָט איז ער, דער וועג פארדאָרבענער פון סדום —
סדום פארטריבן האָט און אויסגעלאכט דעם טרום. . .

. . . .

אָפּגעשיידט זיך פונעם טרוים,
איז גלײַך סדום געוואָרן סדום"...

ווילנע, זומער 1965

אינהאלט

זײַט

„ווי ווערט עס ניט מיד די זון...“ (מאָטאָ) 5

לידער

קנאָספּן און שטערן

דיכטער 9
צײַט 10
די שפּיל פון אַלע שפּילן 12
„געמיינט האָב איך...“ 14
טראַנס 15
אָ, ליכטיק שעפּעלע... 16
האַוועניש 17
שטערן 18
„אין מײַן קינדהײַט פלעג איך היטן...“ 19
איז עס עמעס? 20
„יאַמטעוו“ 21
שאַפונג 23
ווערטער 24
„ווערטער זײַנען פונקט ווי מענטשן...“ 25
קנאָספּן 26
דער בלינדער 27
אַזאַ שאָ... 29
האַנטדרוק 30
דיאַגנאָזן 31

א נאָמען... 33
כאראָטע 34
„אנטי־טראגעדיע" 35
„קוקן פייגל אף די הענט אונדז..." 37

שוועסטער כוואליע

א לעוואָנע־נאכט 38
„איבער אָדערלעך פון קליאַן־בלאט..." 40
פאנטאזיע 41
שוועסטער כוואליע 43
באנאכט באם שטורעמדיקן יאם 44
לעבן 45
הארבסט־נאכט 46
מענטש און אייביקייט 47
„א בלויע שויב איז א פארגלעזערט שטיקל נאכט..." 48
ווינטער־אפאטיע 49
א פארנאכט 51
באם וואסערפאל 52
„עס איז א בלאט אראָפּגעפאלן פונעם בוים..." 53
א וואָלקנדל 54
א זומער־אָוונט 55
פון אן אלטן כאָלעם... 56
זון־אופגאנג 57
פארנאכט 58
דער האָריזאָנט 60
שטילקייט 61
אָוונט 63

מענטש קעגן דער זון

קינדהייט 65
ירושע 67
צייט 68
א באנק אין גאָרטן 70
מענטש קעגן דער זון 71
פארגעסונג 72
גוירל 73
איך און דו... 74
דוירעס 76
פעניקס 77
גרויע פייגל 78
וועלן זיין כ'וואָלט... 79
כעזשבן־האנעפעש 80
פרייד 81
„ווען איך האָב דעם מינדסטן טאָעס..." 82
די טרעפערן 83
„פארשטער ניט מיין נארישן כאָלעם..." 85
יעיצערטאָוו 86
אפן קויצע שעל יוד 87
אָפּשייד 89
באם פאלשן וועג 90
אויסניכטערונג 91
איינדרוק 92
רעמיניסצענץ 93
די עלטער 95
דער זיידע 96
„און ווען דער טאטע זאָל ניט געווען קויפן..." 98
באלוינונג 99
וואנדער־ליד 100
געדאנקען־פריינט 102
אָנהייב 103

פרײַנטשאפט 104
עמעס... 105
צום עמעס 106
געלט 107
„אויב דו ווערסט ארויסלאָזן דאָס פײגעלע..." 109

א הײַפּעלע שײַן

שויבן 110
דער פארקישעפטער קרײַז 111
געשיכטע 112
לעבן 113
„דער גרויסער „פארוואָס?"..." 114
אנטפּלעקונג 115
פארגאנגענהײַט 116
די זון, נעבעך... 117
„ניין, עס שטארבן ניט די יאָרן..." 118
„רײַב איך א הײַפּעלע שײַן..." 119
ענדערונגען... 120
„ניט דערצייל מיר זאכן..." 121
שאָטנס 122
דיכטונג 123
א ווינט איז קוימען 124
פאַל... 125
מיר זײַנען מענטשן נארישע... 126
„אלע שוואלבן, וואָס געזען כ'האָב..." 127
מאָסן 128
טראדיציע 129
נאָכן כאַלעם... 130
געוועלע 131
מאזשאָר 132
קלאָרקײַט 133
פרי־פרילינג 134

15*

נאָך דער באַפרײַונג . . . 135
„ניט זאָג דעם שטיין, אז ער איז גרוי...“ . . . 136
געוויטער . . . 137
דאָס פלאַטערל . . . 138
„טראָגט דער ווינט זיך...“ . . . 139
שלאָפלאָזיקייט . . . 140
פּאַראַדאָקס . . . 141
צו א סאָסנע . . . 142
א רעטעניש . . . 143
אָנמאכט . . . 144
„ס'קוועלט דער ווינט...“ . . . 145
סענטימענטאַלקייט . . . 146
געווינהייט . . . 147
דערלייכטערונג... . . . 148
ערעוו אָנצינד . . . 149
„ווילסט געפינען אזא שאָ...“ . . . 150
„מאָמענט־מוזיקאַל“ . . . 151

דער גאָלדענער פאָדעם

ווײַסער פערד . . . 152
„און ווען ס'וואָלטן זײַן טאקע גאָלדענע בערג...“ . . . 153
אפן גרינעם פעלד . . . 155
מילך . . . 157
„און ווען עס שוין געלינגען זאָל...“ . . . 159
כאַדגאַדיע . . . 160
אויב ס'וועט אמאָל... . . . 162
צוריקער . . . 163
אש... . . . 165
צווישנצײַט . . . 166
סאָלאָווייטש . . . 167
א פידל־שפיל פון ערגעץ . . . 168

אן אלטער ניגן . . . 170
בראנד . . . 171
צוויי ציגעלעך . . . 172
„פאסטאָראלע“ . . . 174
דער קלאוויר . . . 176
פייגל... . . . 178
דער אלטער הונט . . . 179
דער עוועד . . . 180
שווער... . . . 182
דער ארבעטס־אָקס . . . 183
גאס־עלעגיע . . . 186
דער זינד־באָק . . . 189
אין גלופּסק באנאכט... . . . 191

פּאָעמעס

מאיאָר קלאָד איזערלי . . . 197
סדוים . . . 214

Ошерович Гирш Шоломович

ХОД СОЛНЦА

(На еврейском языке)

М. «Советский писатель» 1969 г. 240 стр. План выпуска 1968 г. № 301. Художники *Д. Б. Лион, С. С. Верховский.* Редактор *И. Б. Борисов.* Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.* Техн. редактор *И. Ф. Шустер.* Корректор *А. Б. Стрельник.* Сдано в набор 30/X 1968 г. Подписано к печати 2/VI 1969 г. А 06822. Бумага 70×108 1/32. № 1. Печ. л. 7 1/2 (10,5). Уч.-изд. л. 5,15. Тираж 2 400 экз. Заказ. 871. Цена 57 коп. Издательство «Советский писатель» Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР пер. Аксакова, 13.

7-4-3
301-68